STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02515

# POLITISHE EKONOMYE

Abraham Simchah Sachs

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבייטער־רינג ביבליאָטעק נומ. X

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

## — די גרונד־פּרינציפּען —

צווייטער טייל

פון

אַ. ש. זאַקס

ארויסגעגעבען פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרב. רינג.

Copyright 1918
by
THE WORKMEN'S CIRCLE

## עלפטע לעקציע

# פּראָפּיט.

געלד אַלס פערמיטלער צווישען סחורות און סוחרים אַלס פערמיטלער צווישען פּראָדוצענט און קאָנסומענט; פון וואַנעט נעהמט זיך דער פּראָפיט? דאָס קאַפּיטאַל אין געשעפט קען קיין רוחים ניט געבען; מציאות קענען ניט זיין די אורזאַכען פון די גרויסע פּראָפיטען; דער פערטרעטער פון דער נוצען־טעאָריע בעהם באָווערק און זיין פּראָפיט־טעאָריע; אהיתר צו נעהמען פּראָצענט; דער שלעכטער פונדאַמענט פון בעהם באָווערק׳ס פלפולים־טורעם; די קלאָץ קשיא: וואו ליגען די קוואַלען פון פּראָפיט?

---

מיר וויסען*), אַז די סחורות ווערען אויסגעביטען, געקויפט און פערקויפט, ווערדליג דער ארבייטסקראַפט, וואָס איז אויסגעגעבען געוואָרען, כדי זיי, די סחורות, צו פּראָדוצירען.

מיר וויסען אויך, אַז אין היינטיגע צייטען ווערען די פּראָדוקטען ניט אויסגעביטען דירעקט איינער אויף דעם אנדערען, נור זיי ווערען אויסגעביטען דורך אַ פערמיטלער — דורך געלד. האָט איינער אַן איבריגען פּראָדוקט, בייט ער איהם אויס אויף געלד און פאַר דאָס געלד קריגט ער אַן אנדער פּראָדוקט, וואָס איז איהם נויטיג. איצט ווערען די סחורות לכתחילה פּראָדוצירט, כדי זיי זאָלען קענען ווערען אויסגעביטען אויף געלד. מען פּראָדוצירט פאַר׳ן פערקויף אָבער ניט פאַר׳ן אייגענעם געברויך.

דער פּראָדוצענט מיט׳ן קאָנסומענט טרעפען זיך ניט, זיי קענען זיך גאָר ניט איינע די אנדערע. אזוי ווי געלד איז דער פערמיטלער צווישען די פּראָדוקטען, אזוי זיינען די סוחרים די פערמיטלער צווישען דעם פּראָדוצירער און דעם קאָנזומער.

די סוחרים בילדען אַ גרויסען קלאַס אין אונזער געזעלשאַפט. זיי האָבען דאָס געלד — די שמיר פון די רעדער, וועלכע בעוועגען דאָס עקאָנאָמישע לעבען. וואָס שטאַרקער עס ענטוויקעלט זיך די געזעלשאַפטליכע ארבייטסצוטיילונג, וואָס מעהר יעטווידע גרופּע פון מענשען ספּעציאַליזירט זיך צו אַ געוויסען צווייג פון דער פּראָדוקציע, אַלס וויכטיגער ווערט דער קלאַס סוחרים. פּונקט אַזוי

---

*) זעה לעקציעס 8, 9, און 10.—א. ש. ז.

ווי עס איז אונמעגליך צו עקזיסטירען אָהן געלד, אזוי איז אונמעג־ליך אויסצוקומען אָהן סוחרים.

די סוחרים זיינען די צירקולירער, די פערנאַנדערטיילער פון די געשאַפענע פּראָדוקטען.

די סוחרים טהוען ניט זייער ארבייט סתם אזוי, לטובת הכלל. וויינינגער ווי אלס זאָרגען זיך די סוחרים וועגען דער נויטווענדיג־קייט, די פּראָדוקטען זאָלען דערגרייכען די, וועלכע דאַרפען זיי האָבען. די סוחרים ארבייטען ניט אומזיסט. זיי לאָ־זען זיך פאר זייער טרחה גוט בעצאָהלען. די סוחרים ווערען פער־מיטלער צווישען די פּראָדוצענטען און די קאָנסומענטען, ו ו י י ל ז י י ק ר י ג ע ן פ ר אָ פ י ט. זיי קויפען די סחורות פון די פּראָדוצענטען פאר א קלענערען פּרייז און פערקויפען זיי פאר א גרעסערען פּרייז. דער אונטערשייד צווישען דעם איינקויפס פּרייז (אריינגערעכענט אלע אנדערע הוצאות) און דעם פערקויפס פּרייז איז דער פּראָפיט, צוליב וואָס די סוחרים בעשעפטיגען זיך מיט דער צירקולאַציע פון די פּראָדוקטען.

פון וואַנעט אָבער נעהמט זיך דער פּראָפיט? פון וואַנעט ציהען די סוחרים זייערע רוחים? פון וואַנעט זאַמלען די פאַברי־קאַנטען זייער רייכקייט?

ווי מיר וויסען, איז דער ווערטה פון יעדער סחורה די מאָס געזעלשאַפטליכע ארבייט, וואָס איז אין איהר פערטהון געוואָרען. ווען איין פּראָדוקט ווערט אויסגעביטען אויף א צווייטען פּראָדוקט, איז א סימן, אזביידע פּראָדוקטען ענטהאַלטען אין זיך די זעלבע מאָס געזעלשאַפטליכע ארבייט. ווערט א ראָק אויסגעביטען (פער־קויפט) אויף צוואַנציג ארשין לייוועגט, הייסט עס, אז די געזעל־שאַפט מוז אויסגעבען אזוי פיעל געזעלשאַפטליכע ארבייט פאר דעם ראָק, וויפיעל זי גיט אויס פאר די צוואַנציג ארשין לייוועגט. אויב אזוי, טאָ איז דאָך אין אמת'ן א קשיא, פון וואַנעט דער פּראָ־פיט נעמט זיך.

ווען א סוחר קויפט א סחורה און בעצאָהלט פאר איהר, א שטייי־גער, הונדערט שעה ארבייט, טאָ איז דאָך דאָס דערפאר, ווייל די געזעלשאַפט האָט אוועקגעלייגט אויף דער סחורה הונדערט שעה ארבייט, ניט מעהר און ניט וויינינגער, טאָ ווי איז עס מעגליך, אז ביים פערקויפען די סחורה זאָל דער סוחר קריגען פאר איהר מעהר ווי הונדערט שעה?

די לאגע ווערט ניט געענדערט דערפון, וואס אנשטאט נאקעטע ארבייטס־קראפט ווערט די סחורה געשאצט און אויסגעביטען אויף דעם פערמיטלער — אויף געלד.

שטעלען מיר זיך פאר, למשל, אז פאר א שעה געזעלשאפטליכע ארבייט קען מען שאפען א צעהן־סענטיגע מטבעה, קומט ממילא אויס, אז דער ווערטה פון דער סחורה, וואס קאסט הונדערט שעה ארבייט, איז צעהן דאלער. ביים פערקויפען וועט דער סוחר ווידער בעקומען פאר איהר צעהן דאלער — איהר ווערטה. עס זעהט זיך דא ניט דער קוואל, פון וואנעט דער פראפיט זאל קומען. און מיר ווייסען דאך, אז פראפיט איז די נשמה פון היינטיגער צייט, אהן פראפיט וואלטען דאך קיין מסחרים ניט קענען זיין, טו איז אין אמת׳ן א פראגע: פון וואנעט נעהמט זיך פארט דער פראפיט? און ניט נור די סוחרים, אפילו די פאבריקאנטען האבען דא, לויט דער ארבייטס־טעאריע, ניט קיין ארט, פון וואנעט צו קריגען זייערע פערדינסטען.

מיר נעהמען, א שטייגער, א פאבריק, וואו עס ווערט אויס־געארבייט ציגעל.*)

כדי אויסצוארבייטען ציגעל דארף מען האבען ליים, געצייג, ברען מאטעריאל (האלץ) און ארבייטס־קראפט. אום צו קריגען ליים אויף 1000 ציגעל דארף מען ארבייטען, לאמיר זאגען, 20 שעה. אויב א שעה ארבייט וועט ווערען געשאצט אין 10 סענט, וועט דאס ליים קאסטען 20 מאל 10 — 2 דאלער; דאס האלץ, וואס מ׳האט נויטיג פאר 1000 ציגעל, לאמיר ווידער זאגען, ענטהאלט אין זיך 30 שעה ארבייט און וועט בכן קאסטען דריי דאלער; דאס געצייג ענטהאלט אין זיך 35 שעה ארבייט און וועט קאסטען 3.50 דאלער. אויסער די אלע זאכען דארף מען נאך האבען ארבייטס־קראפט. לאָ־מיר אננעהמען, אז ארבייטס־קראפט איז דא פאר די ציגעל נויטיג 30 שעה. אז מען וועט נעהמען דריי ארבייטער, יעטווידער זאל ארבייטען צו 10 שעה, וועט מען יעדען ארבייטער, לויט׳ן חשבון, מוזען געבען 10 מאל 10 סענט — 1 דאלער; בסך־הכל וועט דא ארבייטס־קראפט קאסטען דריי דאלער.

---

*) איך בענוץ זיך דא מיט דער אילוסטראציע פון מיין בוך: „די לעהרע פון סאציאליזם“. — א. ש. ז.

לאָמיר איצט פערצייכענען מיט א סדר די הוצאות אויף די 1000 ציגעל:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ליים | ענטהאלט | 20 | שעה ארבייט, קאָסט | $2.00 |
| האָלץ | " | 30 | " " " | 3.00 |
| געצייג | " | 35 | " " " | 3.50 |
| ארבייטס־קראַפט | " | 30 | " " " | 3.00 |
| | בס"ה | 115 | " " " | $11.50 |

ווען די ארבייטער האָבען גענומען דאָס געצייג און געהאָרעוועט ביים אויסהייצען דעם אויוועז און ביים צוקנעטען דאָס ליים 30 שעה, האָבען מיר סוף כל סוף בעקומען א מין פּראָדוקט, וואָס מען רופט דאָס ציגעל.

די ציגעל דאַרף דער פאבריקאנט פאר זיין אייגענעם געברויך ניט האָבען, האָט ער גענומען א פאָר משרתים, וועלכע האָבען זיי ארויסגעפיהרט אויפ'ן מארק פערקויפען. די משרתים האָבען דערויף געארבייט 35 שעה. איז שוין, בכן, צוגעקומען הוצאות אויף די ציגעל נאָך 3.50 און סך־הכל האָבען זיי געקאָסט 15 דאָלאַר. שפּעטער האָט מען שוין, גאָט צו דאנקען, דערלעבט צו זעהן א קונה, דאַרף ער אָבער ניט קויפען אלע 1000 ציגעל. ער האָט נאָר נויטיג 100 — א צעהנטעל פון דער סחורה, וואָס איז ארויסגעפיהרט געוואָרען אויפ'ן מארק. פאר די 100 ציגעל וויל דער קונה געבען אַן אנדער סחורה, אזוי אָבער ווי די דאָזיגע סחורה איז ביי איהם איצט גראָד ניטאָ, בעצאָהלט ער דערפאַר מיט מזומן. דעם פאבריקאנט, פערשטעהט זיך, ווילט זיך פערדינען אַן זיין סחורה און בעט אוים פאר 100 ציגעל צוויי דאָלער, צו צוויי סענט א ציגעל.

לויט אונזער הנחה וועט דער קויפער אין גאנצען מאכען חוזק פון פאבריקאנט. ער מאכט קודם כל א חשבון וויפיעל שעה ארבייט די גאנצע 1000 ציגעל האָבען געקאָסט. „אין גאנצען — חשבון'ט דער קויפער — האָט מען אויף די 1,000 ציגעל אויסגעגעבען 150 שעה ארבייט, קומט אוים, אז הונדערט ציגעל ענטהאלטען אין זיך 15 שעה. 15 שעה ארבייט איז, בכן, דער ווערטה פון 100 ציגעל און דעריבער דאַרף איך נאָר געבען אקעגען אזא זאַך, וואָס איהר ווערטה זאָל אויך זיין 15 שעה געזעלשאַפטליכע ארבייט. מיר ווייסען, אז 10 סענט איז די זעלבע זאַך ווי איין שעה געזעלשאַפטליכע ארבייט. 15 שעה ארבייט איז אויף דעם

איפן דאָס זעלבע ווי 1.50 דאָלער. 1.50 דאָלער איז דער ווערטה פון הונדערט ציגעל און אזוי פיעל וועל איך פאַר זיי געבען, ניט מעהר.״

לויט אונזער שיטה איז טאקי דער קונה גאַנץ גערעכט. מיר קאָנען ניט פערלאַנגען פון איהם ער זאָל איבערצאָהלען דעם פאבריקאַנט און געבען פאַר די ציגעל 2 דאָלער, בעת זייער ווערט איז ניט מעהר ווי 1.50 דאָלער — 15 שעה ארבייט. אויב דער פאבריקאַנט זאָל האָבען געהאט אזעלכע 10 קונים, וועט ער סוף כל סוף ניט בעקומען אפילו איין פּרוטה ריוח. יעדער קונה וועט אויסרעכענען דעם ווערטה פון די ציגעל און לויט דעם ווערטה וועט ער בעצאָהלען. פאַר די 1000 ציגעל וועט דער פאבריקאַנט קריגען 15 דאָלער — מעהר אפילו א פעני ניט. האָט נאָך דער פאבריקאַנט אליין עפּעס געארבייט ביי די ציגעל, וועט ער קריגען פאַר יעדע שעה ארבייט צו 10 סענט. אָבער וויפיעל, מישטיינס געזאָגט, ארבייט יעדער אונטערנעהמער, יעדער פאבריקאַנט? די גרויסע פאבריקאַנטען זיינען, ווי מיר ווייסען, גרויסע עצלים, און טונקען ניט איין אפילו א פינגער אין קאַלטען וואַסער.

טאָ איז דאָך אַלץ קשה: פון וואַנעט נעמט זיך טאַקי די הייליגע תורה? פון וואַנעט נעהמען זיך די פּראָפּיטען, וועלכע דערגרייכען די הונדערטע מיליאָנען דאָלער א יאָהר?

אין פלוג קומט אויס, אז דאָס קאַפּיטאַל, וואָס ליגט אין געשעפט, האָט אין זיך די טבע צו בעשאַפען נייע ווערטהען, און ממילא אויך רוחים. קוקט מען אָבער אריין אין ענין אביסעל טיעפער, איבערצייגט מען זיך גלייך, אז דאָס איז ניט ריכטיג.

ראובן דער סוחר, למשל, האָט געקויפט ביי שמעון׳ן פאַר הונדערט דאָלער טיי און האָט די טיי שפּעטער פערקויפט לוי׳ן פאַר הונדערט מיט צעהן דאָלער — 10 דאָלער ריוח. ראובן האָט בעפאַר דאָס קויפען די טיי געהאַט 100 דאָלער מזומנים; שמעון — טיי פאַר 100 דאָלער און לוי 110 דאָלער מזומנים. בס״ה איז ביי אַלע דרייען געווען ווערטהען אויף 310 דאָלער. נאָכדעם ווי ראובן האָט געקויפט די טיי ביי שמעון׳ען און פערקויפט לוי׳ן איז פאַרגעקומען א פערענדערונג, ביי שמעון׳ען איז אנשטאט די 100 דאָלער טיי שוין געווען 100 דאָלער מזומנים; ביי לוי׳ן — אנשטאט די 110 דאָלער — די טיי; ביי ראובן׳ען אנשטאט 100 דאָלער — 110 דאָלער. דער סך הכל איז איצט נאָך׳ן מסחר ניט מעהר און ניט

ווייניגער ווי פאַר׳ן מסחר. בעפאַר דעם מסחר האָבען אַלע דריי געהאַט פאַר 310 דאָלער ווערטהען (210 מזומנים און 100 דאָלער טיי) און נאָך׳ן מסחר אויך דאָס זעלבע. עס האָבען זיך נור גע־ביטען די אייגענטימער, אָבער די סומע פון די ווערטהען איז גע־בליבען די זעלבינע. פריהער זיינען די 110 דאָלער געווען ביי לוי׳ן און איצט, נאָך׳ן מסחר, זיינען זיי ביי ראובן׳ען. די טיי, ווידער, איז פריהער געווען ביי שמעון׳ען און איצט איז זי ביי לוי׳ן. עס איז דאָך נאַריש צו זאָגען, אַז די טיי, זייענדיג ביי ראובנ׳ען אין די הענד, האָט געקראָגען אַ גרעסערען ווערטה.

עס קאָן ווידער זיין, אַז די טיי איז טאַקי אַפריהער, ווען זי איז נאָך געווען ביי שמעונ׳ען, געווען ווערטה 110 דאָלער, נאָר ראובן איז אַ בריה אַ סוחר און האָט דורך געוויסע קונצען געקויפט וואָלוועל, פאַר 100 דאָלער בלויז, אָבער לוי׳ן האָט ער טאַקי פער־קויפט פאַר דעם פולען ווערטה — פאַר 110 דאָלער. אויב אַזוי, קומט אויס, אַז פריהער האָבען אַלע דריי צוזאַמען — ראובן, שמעון און לוי — געהאַט ווערטהען פאַר 320 דאָלער: ביי שמעון׳ען פאַר 110 דאָלער טיי, ביי ראובן׳ען — 100 דאָלער מזומנים און ביי לוי׳ן — 110 דאָלער מזומנים. נאָכ׳ן מסחר איז דער סך הכל ווידער 320 דאָלער: ביי ראובן׳ען 110 דאָלער מזומנים, ביי לוי׳ן — טיי פאַר 110 דאָלער און ביי שמעון׳ן 100 דאָלער מזומנים.

אין ערשטען פאַל, ווי אין צווייטען פאַל, ווי מיר זעהען, זיי־נען צו דער סחורה אין דער צייט פון מסחר קיינע ווערטהען ניט צוגעקומען. די גאַנצע פּראָפיט האָט דאָ נאָר געקענט זיין — אין ערשטען פאַל, ווען לוי האָט זיך אָבגענאַרט און אין צווייטען פאַל — ווען שמעון האָט זיך אָבגענאַרט.

אין אַן אויסנאַהמס־פאַל קאָן אפשר יאָ טרעפען, אַז מען קויפט אַ מציאה. מען כאַפּט אַמאָל אַריין אַן אוצר פאַר העלפט געלד, מען נאַרט אימיצען אָב. מען קויפט, דהיינו, אַ סחורה, וואָס ענט־האַלט אין זיך 100 שעה ארבייט, פאַר 50 שעה. דאָס איז דאָך אָבער אַ יוצא מן הכלל. דערביי מוז געשעהען אַ נס, וואו ענטוועּ־דער דער קויפער אָדער דער פערקויפער זאָל ניט פערשטעהן אויף זיין סחורה, אָבער „לאו בכל יומא מתרחש נסא“, ניט אַלע טאָג טרעפען זיך נסים, און איבערהויפּט איז שווער צו זאָגען, אַז אַלע סוחרים זאָלען לעבען פון נסים אָדער פון אָבנאַרעריי.

בכלל קען דאָס גאָר ניט זיין. לויט דער סברא קומט אויס, אַז אויב איינער פערדינט, מוז דער צווייטער צולייגען, אַז איינער

ווערט רייך אויפ׳ן צוויימענס חשבון. דאָס איז דאָך פּאַקטיש ניט ריכטיג. די עשירות ווערט פון יאָהר צו יאָהר גרעסער און קיינער פערלירט דערביי גאָר ניט.

מיר האָבען, בכן, פאַר זיך אַ הארבע קשיא: אויב מיר נעהמען אָן, אַז דער ווערטה פון דער סחורה איז די צייט ארבייט, וואָס אויף איהר איז געלייגט געוואָרען, טאָ פון וואנעט נעהמט זיך דער פּראָפיט?

די אָנהענגער פון דער נוצען־טעאָריע *) — די יעניגע עקאָנאָמיסטען, וועלכע בעהויפּטען, אַז דער ווערטה פון אַ סחורה קומט פון איהר נוצליכקייט, פון איהר מעלה צו בעפרידיגען אַ געוויסע בעדערפנים, ערקלערען, אַז דער פּראָפיט נעהמט זיך פון דעם, וואָס דיזעלבע סחורה האָט אין פערשיעדענע צייטען אויך אַ פערשידענעם ווערטה. אזוי ווי ביי דעם ווערטה פון אַ סחורה שפּילען ניט, לויט די מיינונגען פון די דאָזיגע עקאָנאָמיסטען, אַ ראָליע די אָביעקטיווע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציע, נאָר דער סוביעקטיווער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואָס הערשט אויפ׳ן מארק ביים קויפען די סחורה, טאָ דאַרף מען ערקלערען דעם פּראָפיט דורך דעם, וואָס די סוביעקטיווע, פּסיכאָלאָגישע בעציהונג צום פּראָדוקט איז ניט אַלע מאָל דיזעלבע.

דער בעדייטענדסטער פערטרעטער פון דער דאָזיגער טעאָריע איז דער בעוואוסטער עסטרייכישער עקאָנאָמיסט בעהם־באָווערק.

ווען מיר קוקען זיך צו — מיינט בעהם־באווערק — ווי אזוי מענשען פערהאַלטען זיך צו געוויסע זאכען, זעהט מען, אַז מען שאַצט טייערער אַ זאַך, פון וועלכער מען קען האָבען גלייך, באַלדיגע נוצען, ווי אַ זאַך, פון וועלכער מען וועט קענען האָבען אַ נוצען ערשט שפּעטער, אין דער צוקונפט. עס קען זיין דיזעלביגע זאַך, נאָר קוים קען מען פון איהר ערשט הנאה האָבען שפּעטער, אין אַ געוויסע צייט ארום, ווערט זי שוין געשאַצט ביליגער, ווי ווען מען וואָלט מיט איהר באַלד געקענט בעפרידיגען אַ בעדערפעניס. די צייט שפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין אָבשאַצען די ווערטען פון סחורות. אַ דאָקטאָר, וואָס פאַנגט אָקאָרשט אָן צו פּראַקטיצירען, שאַצט אָב אַ דירה, וואו ער קען זיך אָט גלייך אָנפאַנגען ארויפצואַרבייטען, אַ סך טייערער, ווי ווען ער וואָלט די דירה ערשט קענען בענוצען פינף־זעקס יאָהר שפּעטער. דאַכט

*) זעה לעקציע 8.

זיך די זעלביגע דירה, מיט די זעלביגע מעלות און חסרונות, אָבער קוים קען מען פון איהר ניט האָבען באַלדיגע נוצען — ווערט זי געשאַצט ביליגער. דאָס געלד, וואָס א פויער קריגט אָנפאַנג זומער, פאר'ן שניט, איז פאַר איהם א סך טייערער, ווי די זעלבע סומע געלד נאָכ'ן שניט. די זעלביגע הונדערט דאָלער איז בעפאָר דעם שניט ביי איהם ווערטה, א שטייגער, ווי הונדערט און צעהן דאָלער נאָך'ן שניט. דערמיט גיט בעהם־באַווערק אהיתר צו נעהמען פראָצענט אויף געלד. די הונדערט דאָלער, וואָס איינער לייהט, ווייל ער דארף זיך מיט זיי ג ל י י ך בענוצען, איז ווערטה מעהר ווי הונדערט דאָלער פאַר איהם אין דער צייט, ווען ער בע־נוצט זיך ניט מיט זיי. הונדערט דאלער ב א ל ד איז גלייך ווי, למשל, הונדערט און צעהן דאָלער ש פ ע ט ע ר. יעטווידער איינציגער וויים, אז מען האָט הנאה פון א באַלדיגען פערגעניגען מעהר, ווי פון דעמזעלביגען פערגעניגען, וואָס וועט קומען ערשט שפעטער. דאָס איז א פסיכאָלאָגישע ערשיינונג.

די איצטיגע פראָדוקטען ווערען אויסגעאַרבייט דורך אינסטרו־מענטען, מאַשינעס א. אז. וו. עס דויערט א געוויסע צייט איידער די פראָדוקטען ווערען פאַרטיג, מען זאָל מיט זיי קענען בעפרידיגען א געוויסע בעדערפענים. ווען דער פאַבריקאַנט קויפט רויהע מאַטעריאַל, אינסטרומענטען, אַרבייטס־קראַפט און אזוי ווייטער, האָ־בען זיי א קלענערען ווערטה ווי ווען זיי זיינען שוין איבערגעאַרבייט געוואָרען אין פאַרטיגע סחורות. די פאַרטיגע סחורות ברייינגען ב א ל ד י ג ע נוצען, בעת די אַלע עלעמענטען, פון וועלכע די פאַרטיגע סחורות ווערען פראָדוצירט, ברייינגען ניט קיין באַלדיגע, נור להבא'דיגע נוצען. וואָס נעהנטער די פערשיידענע עלעמענטען זיינען צו דעם מאָמענט, ווען עס וועט פון זיי ארויסקומען א פאַר־טיגער פראָדוקט, אַלס קירצער איז די צייט, וואָס טיילט אָב, ווען מען וועט קענען פון זיי הנאה האָבען, אַלס גרעסער איז זייער ווערטה. די אַרבייטס־קראַפט האָט א גרעסערען ווערטה ווען זי איז פערקערפערט אין א פראָדוקט, וועלכער קען ג ל י י ך בעפרידיגען א לעבענס בעדערפנים, ווי אין דער צייט, ווען דער אונטערנעהמער קויפט עס פון אַרבייטער. דער קאַפּיטאַליסט עקספּלואַטירט ניט דעם אַרבייטער — מיינט בעהם־באַווערק. דער אַרבייטער קריגט פאַר זיין אַרבייטס־קראַפט אזוי פיעל, ווי פיעל זי איז ווערט — וויפיעל נוצען זי קען ברייינגען, ניט האָבענדיג קיין מאַשינען און אנדערע פראָדוקציאָנס מיטלען. אין דעם אונטערנעהמער'ס רשות

קריגט ערשט די ארבייטס־קראפט א גרעסערען ווערט. און אַט דער אונטערשייד צווישען דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט און רויה מאַטעריאַלען בעת דער אונטערנעהמער קויפט זיי, און זייער ווערטה אין דער צייט, ווען זיי ווערען פערקערפערט אין׳ם נוצליכען פּראָדוקט, איז דער פּראָפיט.

דערמיט ערקלערט זיך אויך, וואָס די סוחרים קריגען פּראָפיט. בעת די סוחרים קויפען, זיינען די סחורות ווייטער פון דער צייט, ווען זיי בעפרידיגען אַ געוויסע בעדערפעניס, ווי ווען זיי פערקויפען. די סחורות זיינען דעריבער ביים קויפען ווערטה ווייניגער, ווי ביים פערקויפען. די סוחרים קויפען איין די סחורות פאַר ווייניגער געלד אַלס צוקינפטיגע נוצען און פערקויפען זיי פאַר מעהר געלד אַלס געגענווערטיגע נוצען. דער דיפערענץ איז דער פּראָפיט.

פּראָפיט — מיינט ווייטער בעהם־באַווערק — איז אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, דאָס קומט פון דער טעכניק, ווי אַזוי עס ווערען אויסגעאַרבייט פּראָדוקטען. פּ ר אָ פ י ט א י ז נ י ט ק י י ן ה י ס ט אָ ר י ש ע ק אַ ט ע ג אָ ר י ע, נ אָ ר אַ ן ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ק אַ ט ע ג אָ ר י ע, ד. ה. פּראָפיט קומט ניט דערפון, וואָס עס עקזיסטירט פּריוואַט אייגענטום. פּראָפיט וועט זיין אין אַלע צייטען. אפילו אין אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט וועט זיין פּראָפיט. ווייל אויך אין אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט נעהמט צייט איידער די פּראָדוקטען ווערען אויסגעאַרבייט. מעהר ניט, וואָס אין אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט וועט דער פּראָפיט געהערען צו דער געזעלשאַפט, צו כל הקהל, און איצט געהערט ער צו פּריוואַטע פּערזאָנען. אָבער די קוואַלען פון פּראָפיט וועלען ניט אויסגעטריקענט ווערען, זיי קומען פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסען, פון די אופנים, ווי די פּראָדוקטען ווערען אויסגעאַרבייט.

די פּראָפיט־טעאָריע פון בעהם־באַווערק איז געגרינדעט אויף דער נוצען־טעאָריע, אויף דער טעאָריע, אַז דער ווערטה פון אַ פּראָדוקט איז אַ ריין־סוביעקטיווע, פּסיכאָלאָגישע בעציהונג פון דעם קויפער צום פּראָדוקט. מיר האָבען אויבען שוין בעוויזען די ניט־ריכטיגקייט פון דער נוצען־טעאָריע און ממילא פאַלט שוין איין דער גאַנצער טורעם פון די פּלפּולים — הגם גאַנץ חריפות׳דיגע — וועלכע בעהם־באַווערק האָט געבויט צו ערקלערען די קוואַלען פון פּראָפיט.

מיר האָבען, בכן, פאַר זיך אַ קלאָץ־קשיא: פון וואַנעט קומט פאַרט דער פּראָפיט?

## צוועלפטע לעקציע

# מעהר־ווערטה

קארל מארקס׳ ענטדעקונג; מארקס׳ אנאליז פון די סחורות; די אייגענשאפטען, וואס יעדע סחורה מוז האבען; ארבייטס־קראפט האט געקאנט ווערען א סחורה ערשט אין דער נייער צייט; די נאטירליכע און די געזעלשאפטליכע זייט פון ארבייטס־קראפט; דער ווערטה פון ארבייטס־קראפט; ארבייטס־קראפט איז די איינציגע סחורה וואס שאפט מעהר־ווערט; מעהר־ווערט איז נאר מעגליך אין א געזעלשאפט, וואס איז געבויט אויף פריוואט אייגענטום; מעהר־ווערט נארמע און פראפיט נארמע; די שייכות צווישען מעהר־ווערט און פראפיט; דער פראפיט איז ניט אבהענגיג פון דעם, ווי דאס קאפיטאל איז ארגאניזירט אין דער אונטערנעהמונג; גלייכע קאפיטאלען גיבען גלייכע פראפיטען; אן ערקלעהרונג אויפ׳ן סמך פון פרייער קאנקורענץ; א מאטעמאטישע פארמולירונג פון יעדען איינצעלנעם׳ס פראפיט.

---

קארל מארקס האט אויפגעדעקט דעם שלייער, וועלכער פערבארגט הינטער זיך די קוועלען און די שטראמען, פון וועלכע עס פליסען די אוצרות פראפיט צו די פאבריקאנטען און סוחרים.

מארקס האט אונז געוויזען, אז דער פראפיט נעהמט זיך פון׳ם מעהר־ווערט.

די מעהר־ווערט טעאריע איז מארקס׳עס אן ענטדעקונג און קען גערעכענט ווערען אלס איינע פון די שארפזיניגסטע לעהרען, וועלכע מיר האבען אין דער מלוכה פון מענשליכען וויסען. די לעהרע פון מעהר־ווערטווארפט א קלארען ליכט איבער די פערפלאנטערטע, קאמפליצירטע ערשיינונגען פונ׳ם עקאנאמישען לעבען, און עס איז כדאי מיר זאלען זיך אבשטעלען אויף איהר אביסעל אויספיהרליכער.

קודם כל אנאליזירט מארקס דעם עצם, דעם תוך פון די סחורות.

א סחורה, ווי מיר ווייסען שוין, מוז אין זיך האבען צוויי אייגענשאפטען, א נאטירליכע און א געזעלשאפטליכע. די נאטירליכע זייט איז די אייגענשאפט פון דער סחורה צופרידענצושטעלען א געוויסע מענשליכע בעדערפעניש; די געזעלשאפטליכע זייט איז דער סכום געזעלשאפטליכע ארבייט, וויפיעל עס בעדארף זיין אין איהר פערקערפערט. די געזעלשאפטליכע זייט פון דער

סחורה קען קיין מאָל ניט זיין אָהן איהר נאַטירליכער זייט. ווען א מענש ארבייט אויף אַן אוננוציגע זאַך, ווערט די ארבייט קיין שום ווערטה ניט האָבען. די געזעלשאַפטליכע ארבייט מוז האָבען א ממשות׳דיגע זאַך, אין וואָס זי זאָל קענען פערקערפּערט ווערען. די ממשות׳דיגע זאַך מוז דורך דער ארבייט ווערען א ניצליכע זאַך. אָהן אזאַ ממשות׳דיגע נוצליכער זאַך קען מען זיך די געזעלשאַפט־ליכע זייט פון פּראָדוקט ניט פאָרשטעלען, פּונקט אזוי ווי מען קען זיך ניט פאָרשטעלען א נשמה אָהן א גוף. דער סכום ארבייט איז דער סימוואָל פון געזעלשאַפטליכקייט אין יעדער נוצליכער זאַך. ווען אימיצער א קונה קויפט א סחורה, בעצאָהלט ער פאַר דער ארבייט, וואָס ליגט אין דער סחורה, ד. ה. פאַר איהר געזעלשאַפט־ליכע זייט, אָבער בענוצען בענוצט ער זיך מיט איהר נאַטירליכער זייט. ווען איינער, א שטייגער, קויפט פלאַקס, בעצאָהלט ער פאַר דעם סכום געזעלשאַפטליכער ארבייט, וואָס אין די פלאַקס איז פערקערפּערט געוואָרען, אָבער בענוצען בענוצט ער זיך מיט דער איינענשאַפט פון פלאַקס צו ווערען אויסגעדרעהט אין שטריק. סוף קויפט מען, כדי צו בענוצען זיך מיט איהר נאַטירליכער אייגענ־שאַפט צו ווערען אויפגענייהט אין א בגד.

א חוץ די דאָזיגע דאַרף א פּראָדוקט האָבען נאָך אַנדערע איי־גענשאַפטען, כדי צו ווערען א סחורה. ער מוז זיין דאָס אייגענ־טום פון וועמען עס איז. ער מוז האָבען א בעל הבית, וועמען ער געהערט, ווער עס זאָל קענען טהון מיט איהם, וואָס ער וויל. א פרעמדע זאַך קען קיינער ניט פערקויפען און ניט איבערגעבען. אויסער דעם דאַרף זיך דער בעל הבית אין דעם פּראָדוקט ניט נויטיגען. אויב דער אייגענטימער פון פּראָדוקט זאָל איהם אליין דארפען און זאָל זיך קאָנען אליין מיט איהם בענוצען, וואָלט ער דאָך איהם ניט פערקויפט א צווייטען. בלויז א זאַך, וואָס האָט אין זיך אָט די אויסגערעכענטע אייגענשאַפטען, קען ווערען א סחורה.

ארבייטס־קראַפט האָט אין די פריהערדיגע דורות, ווען עס האָט געהערשט שקלאַפעריי און לייב־אייגענשאַפט, ניט געקענט זיין א סחורה. דער שאַפער פון דער ארבייטס־קראַפט — דער מענש — האָט ניט געהאַט קיין רעכט מיט איהר זיך צו בענוצען. דער שקלאַף האָט געהערט צו זיין הערן מיט זיין לייב און לעבען. „כל מה שקנה עבד קנה רבו“", אלץ וואָס איז געווען ביים שקלאַף האָט געהערט דעם שקלאַפען־הערר. אין דער צייט פון פאַנשציזנע זיינען

די פּוערים קערפּערליך געווען פריי, אָבער זייער ארבייט האָט גע־הערט דעם פּריץ. דער פּריץ איז געווען דער אייגענטימער פון די פּויערים'ס ארבייט, אָבער ניט דער פּויער, דער ארבייטער גופא. אליין בעלי הבתים איבער זייער ארבייט זיינען די ארבייטער גע־וואָרען ערשט שפּעטער, ווען פּאנשציזנע איז בטל געוואָרען, ווען די פּויערים זיינען ארויס פון פּריץ'ס רשות צו זיך אין רשות און ווען אין די שטעדט האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען די פרייע מלאכה.

כל זמן אָבער יעדער פּויער אָדער ארבייטער האָט געארבייט פאַר זיך, האָט געהאַט זיינע אייגענע געצייג און ווארשטאַט און די מעגליכקייט צו קויפען רויהע מאַטעריאַל, איז ארבייטס־קראַפט נאָך אַלץ ניט געווען א סחורה. דער ארבייטער האָט זי אליין פערטהאָן. ער האָט זי אויסגענוצט פאַר זיך אין זיין אייגען וואַר־שטאַט.

שפּעטער, ווען די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַל האָט אָנגעפאַנ־גען געהן פאָרווערטס, ווען דער בעל מלאכה איז צוליב דער קאָנ־קורענץ פון פאַבריק און גרויסען האנדעל שוין מעהר ניט געווען ביכולת אויסצוהאַלטען אַן אייגען ווארשטאַט, ווען ער איז געוואָרען אָבגעריסען פון זיינע געצייג און האָט זיין ארבייטס־קראַפט שוין מעהר ניט געקענט אויסנוצען פאַר זיך — דעמאָלט ערשט ווערט אר־בייטס־קראַפט א סחורה און טרעט ארויס אויפ'ן מארק צוגלייך מיט אנדערע סחורות.

אזוי ווי אַלע אנדערע סחורות האָט אויך די ארבייטס־קראַפט צוויי אייגענשאַפטען: א נאַטירליכע און א געזעלשאַפטליכע. די נאַטירליכע זייט איז איהר אייגענשאַפט איבערצוארבייטען רויהע מאַטעריאַלען אין נוצליכע זאַכען. ארבייט מאַכט פון לעדער א פּאָר שטיוועל, פון פלאַקס — שטריק, פון אייזען — געצייג און מאַשינעס, א. אז. וו. **די געזעלשאַפטליכע זייט איז דער סכום געזעלשאַפטליכע ארבייט, וויפיעל עס דארף ווערען בענוצט כדי צו בעשאַפען די ארבייטס־קראַפט.**

אין היינטיגע צייטען פון געדונגענער ארבייט איז ארבייטס־קראַפט א פּשוט'ע סחורה, א סחורה ווי אַלע אנדערע סחורות. זי האָט די אייגענשאַפטען פון אַלע אנדערע סחורות און ווערט אויך פערקויפט ווי אַלע אנדערע סחורות — אָט וואָס מארקס בעווייזט אונז מיט זיין מערקווירדיגען אנאַליז.

ווי ווערט ארבייטס־קראפט פּראָדוצירט? ווי ווערט בעשאַפען דער מענשליכער כח? — פרעגט ווייטער מארקס.

ארבייטס־קראפט איז ניט א זאַך, וואס קען זיין אָהן א מענשען, דאס איז די פעהיגקייט און אייגענשאפט פון יעדען לעבעדיגען מענשען, דאס איז א טייל פון זיין מוח, בלוט, מוסקולען און נערווען און דעריבער קען די ארבייטס־קראפט נאָר זיין מיט'ן מענשען צוזאמען און דוקא מיט אזא מענשען, וועלכער איז פעהיג צו דער ארבייט. א מענש קען זיין פעהיג צו דער ארבייט נאָר דענסטמאָל, ווען ער בעפרידיגט זיינע לעבענסבעדערפנישען, און וויבאלד, אז די בעפרידיגונג פון די לעבענסבעדערפנישען בעשאפט די ארבייטס־קראפט איז דערפון געדרונגען, אז **דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט איז גלייך צו דעם סכום געזעלשאפטליכער ארבייט, וואס דארף אויסגעגעבען ווערען כדי צו בעשאפען די נויטיגע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג צו דער חיונה.**

די בעדערפנישען פון יעדען מענשען זיינען גאנץ פערשידען. זיי זיינען אָבהענגיג פון פערשיידענע, נאטירליכע, קולטורעלע און סאָציאלע בעדינגונגען, אין וועלכע דער מענש געפינט זיך.

אין די הייסע לענדער איז גענוג פאר'ן מענשען אַן איינפאכע דירה, לייכטע קליידער און מאָגערע שפייז. אין די קאַלטע לענדער דארף שוין דער מענש האָבען, אום צו זיין בכח צו ארבייטען, א גוט־ארומגעצוימטע דירה, ווארעמע בגדים און פעטע שפייז א. ז. וו. אין די ערשטע צייטען ווידער איז געווען רעכט צו געהן אבי ווי. הויזען און לעדערנע שיך זיינען געווען לאו דוקא. עס איז רעכט געווען צו געהן, זייט מיר מוחל, אין הוילע תחתונים. היינט, ווען דער קולטורעלער מצב האָט זיך אויפגעהויבען, קען שוין דער מענש זיך ניט אָב'פטר'ן מיט שיהי פיהי, היינט איז שוין נויטיג פאר יעדען מענשען ניט נאָר לעדערנע שיך, נאָר אפילו גומענע קאלאָשען. די צייט, מען זאָל זיך בענוגענען מיט בלויזע תחתונים, איז שוין לאנג פארביי.

דער ארבייטער לעבט ניט אייביג. ער ווערט עלטער און שוואַכער און צוזאמען מיט זיין אלטקייט ווערט אלץ ביי איהם ווייניגער און שוואכער זיין כח, זיין ארבייטס־קראפט און דעריבער מוזען די קויפער פון דער ארבייטס־קראפט אויך זאָרגען, אז די

פאבריק, וואו עס ווערט פּראָדוצירט די ארבייטס־קראפט, זאָל שטענ־דיג האָבען א קיום. דער ארבייטער קען האָבען א קיום אויף אייביג אזוי ווי אלע לעבעדיגע בעשעפענישען דעמאָלט, ווען ער האָט די מעגליכקייט צו דערלענגערן זיין דור, זיין פאמיליע, ווען ער קען פיהרען א פאמיליען־לעבען, ווען ער קען ווי עס איז פער־זאָרגען זיינע קינדער, זיי זאָלען אין קומענדיגען דור ירשה'נען זיין פלאַץ אין דער וועלט. עס איז דעריבער פערשטענדליך, אז אום צו זיין בכח צו ארבייטען, דארף מען בעפרידיגען ניט נאָר די בעדערפנישען פון דער אייגענער פערזאָן, נאָר אויך די בעדערפע־נישען פון דער פאמיליע.

מאכען מיר א סך־הכל פון אלע, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָ־רען וועגען דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט, קומען מיר צום שלוס, **אז דער ווערטה פון ארבייטס־קראפט איז דער סכום געזעלשאפטליכע ארבייט, ווי פיעל עס איז נויטיג צו בעשאפען די לעבענס פּראָדוקטען: דירה, קליידער, שפייז, א. אז. וו. פאר'ן ארבייטער אליין און פאר זיין פא־מיליע לויט די נאטירליכע, געזעל־שאפטליכע און קולטורעלע בעדינגונ־גען פון דעם לאנד, וואו דער ארביי־טער וואוינט.**

נו, לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלען, אז דער סכום געזעל־שאפטליכע ארבייט, וואָס איז נויטיג אויסצוגעבען פאר דער בעפרי־דיגונג פון די בעדערפנישען פון אן ארבייטער, כדי ער זאָל האָבען כח צו ארבייטען, א שטייגער א טאָג צייט (10 שעה), איז ניט מעהר, ווי 5 שעה. דאָס הייסט, אז ווען מען זאָל אויסגעבען 5 שעה געזעלשאפטליכע ארבייט, וועט מען קענען שאפען אזוי פיעל פּראָדוקטען, דאָס זיי זאָלען קלעקען אויף א טאָג חיונה. דער ווערטה פון א טאָג ארבייטס־קראפט (פון 10 שעה) וועט דעמאָלט זיין ניט מעהר ווי 5 שעה געזעלשאפטליכע ארבייט. **די איבעריגע 5 שעה, וואָס די ארבייטס־קראפט גיט מעהר פון איהר ווערטה, הייסט מעהר־ווערט.**

ארבייטס־קראפט, זאָגט מארקס, איז די איינציגע סחורה, וואָס שאפט מעהר־ווערט. דער ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט איז

קלענער פון דער ארבייטס־קראפט גופא און דער אונטערשייד צווי־
שען דער מאָס ארבייטס־קראפט, וואָס דארף אויסגעגעבען ווערען
כדי צו בעשאפען די ארבייטס־קראפט, און דער ארבייטס־קראפט
גופא, בילדעט דעם מעהר־ווערט.

אָט די אייגענשאפט פון דער ארבייט צו פּראָדוצירען מעהר,
וויפיעל זי קאָסט, איז די אורזאך פון אלע פּראָפיטען אין אונזער
געזעלשאפט.

וואָלט דער ארבייטער געהאט אייגענע געצייג, איינענע רויהע
מאטעריאלען און וואָלט ער געקענט אויסנוצען זיין ארבייטס־קראפט
פאר זיך אליין, וואָלט דער מעהר־ווערט געבליבען ביי איהם גופא.
אזוי אָבער ווי מיר לעבען אין א געזעלשאפט פון פריוואט אייגענ־
טום, וואו די אלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען: לאנד, הייזער, אינסטרו־
מענטען, געצייג, רויהע מאטעריאל א. אז. וו. געהערען צו פריוואט
מענשען און דער ארבייטער איז געצוואונגען צו פערקויפען זיי
זיין ארבייטס־קראפט, טאָ בלייבט דער מעהר־ווערט ביים ארבייטס־
געבער און ניט ביים ארבייטער.

דער פאבריקאנט, ווען ער קויפט, למשל, 100 שעה ארבייטס־
קראפט, בעצאָהלט ער ניט 10 דאָלער (אויב מיר נעהמען אָן, אז
10 סענט איז גלייך צו איין שעה ארבייט), ווייל ער צאָהלט ניט
פאר די ארבייטס־קראפט וואָס ווערט ווערען פערקערפערט אין
פּראָדוקט, נאָר פאר די ארבייטס־קראפט, וואָס דארף אויסגע־
געבען ווערען, כדי צו בעשאפען 100 שעה כח, און אויב דאָס איז
מעהר ניט, ווי 50 שעה, למשל, וועט דער פאבריקאנט צאָהלען ניט
מעהר, ווי 50 שעה (5 דאָלאר). אויסנוצען וועט אָבער דער פאברי־
קאנט הונדערט שעה ארבייטס־קראפט. די איבעריגע 50 שעה
(5 דאָלער) וועט ביי איהם בלייבען אלס מעהר־ווערט.

און נאָכ'ן סוחר'שען יושר טהוט דאָ דער פאבריקאנט דעם
ארבייטער קיין שום עולה ניט.

ארבייטס־קראפט — מענה'ט דער פאבריקאנט — איז א
סחורה ווי אלע סחורות. אזוי ווי פאר יעטווידע סחורה בעצאָהלט
מען נאָר פאר דער צייט ארבייט, וואָס איז פערקערפערט אין איהר,
אזוי בעצאָהל איך פאר די ארבייטס־קראפט אויך אזוי פיעל, ווי
פיעל געזעלשאפטליכע ארבייט אין איהר איז פערקערפערט. ווען
אין 10 טעג ארבייטס־קראפט, וואָס איך קויף, איז נאָר פערקער־
פערט 50 שעה ארבייט (דאָס הייסט די צייט־ארבייט, וויפיעל עס
דארף דויערען כדי צו בעשאפען לעבענסמיטלען פאר 10 טעג) בע־

צאָהל איך בלויז פאר 50 שעה. דאָס איז גאַנץ עהרליך בעצאָהלט. דאָס איז דער ווערטה פון 10 טעג ארבייטס־קראַפט. אי, וואָס איך נוץ אוים מיין סחורה און ציה ארוים פון די 10 טעג 100 שעה ארבייטס־קראַפט אָדער מעהר, איז דאָס מיין זאַך. עס איז ניט קיינעם׳ס עסק מיר צו זאָגען, וואָס איך האָב צו טהאָן מיט מיין סחורה. די ארבייטס־קראַפט, גלייך ווי איך קויף איהר אָב, איז מיין אייגענטום, מיין סחורה, און איך האָב דאָס פולע רעכט זיך צו בענוצען מיט דער נאַטירליכער זייט פון מיין סחורה אזוי ווי איך געפין פאר נויטיג.

---

איצט לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער ציגעלניע און זעהן, ווי אזוי דאַרטען האָט געקענט זיין פראָפיט אויפ׳ן סמך פון מעהר־ווערט.

ווען די ציגעל וואָלטען קענען געמאַכט ווערען נאָר פון ליים, געצייג און האָלץ, אָהן ארבייטס־קראַפט, וואָלט טאַקי דער אייגענ־טימער פון דער ציגעלניע גאַרנישט פערדינען, ווייל די דאָזיגע אַלע עלעמענטען גיבען איבער זייער ווערטה דעם קומענדיגען פראָדוקט (די ציגעל) אָהן א שום פערענדערונג, ניט וויינינער און ניט מעהר. צונויפגעגאָסען אין איינעם קען בעשאַפען ווערען נאָר אזא סך־הכל, וויפיעל ס׳קומט אוים פון אַלע צוזאַמענגעגאָסענע חלקים. די זאַך איז אָבער, וואָס כדי צו מאַכען פון אַלע עלע־מענטען ציגעל, מוז מען האָבען ארבייטס־קראַפט (אין אונזער פאַל דאַרף מען האָבען 30 שעה ארבייטס־קראַפט).

די ארבייטס־קראַפט קויפט דער בעל הבית פון דער ציגעלניע ביי דריי מענשען, צו 10 שעה ביי יעטווידען. ער בעצאָהלט אָבער יעטווידען ארבייטער ניט צו 1 דאָלער (10×10), ווי מיר האָבען פריהער גע׳חשבונ׳ט, נאָר ער רעכענט קודם כל אוים, וויפיעל הוצאות דער ארבייטער דאַרף האָבען, כדי ער זאָל זיין בכח צו ארבייטען 10 שעה. אום צו האָבען כח צו ארבייטען 10 שעה, ווייסען מיר, אז עס איז גאַנץ גענוג, דער ארבייטער זאָל האָבען אן אָרט פאר זיין פאַמיליע צו וואוינען, שפייז צו עסען, ווי עס פאַסט פאר אן ארבייטער־פאַמיליע — מיט איין וואָרט, ער דאַרף האָבען אויף א טאָג חיונה. אויב אויפ׳ן טאָג חיונה דאַרף אוועקגעהן ניט מעהר ווי 50 סענט (5 שעה ארבייט), וועט 50 סענט זיין די שכירות פאר יעטווידען ארבייטער פון די דריי. דער ציגעלניק בענוצט

**זיך אָבער מיט 10 שעה פון יעדען ארבייטער. די איבעריגע 5 שעה בלייבט דאָ פאר איהם אלס מעהר־ווערט.**

**אין אונזער פאל, וואו עס האָבען נעארבייט בלויז דריי אר־בייטער, קומט אריין דעם ציגעלניק 15 שעה ניט בעצאָהלטע אר־בייט. פון אזא קליינע געשעפט, ווי אויסצוארבייטען 1000 ציגעל, האָט ער ארייגעקראָגען 1.50 דאָלער מעהר־ווערט.**

מיר זאָגען דאָ בכיון מעהר־ווערט און ניט פראָפיט, ווייל דער פראָצענט מעהר־ווערט איז, פערשטעהט זיך, א סך א גרעסערער, ווי דער פראָצענט פראָפיט.

דער מעהר־ווערט ווערט גערעכענט אין׳ם ערך מיט דער סומע ארבייטס־לוין און דער פראָפיט — אין׳ם ערך מיט אלע אויסגאַבען פון דער אונטערנעהמונג.

אין אונזער ביישפיעל וועט דער פראָצענט מעהר־ווערט זיין גאַנצע הונדערט. אויף 1.50 דאָלער ארבייטס־לוין קריגט דער אונטערנעהמער פון דער ציגעלניע 1.50 דאָלער מעהר־ווערט. נאָך אמאָל אזוי פיעל. דער פראָפיט וועט דאָ אָבער זיין א סך א קלענערער פראָצענט, ווייל דער פראָפיט פון דער ציגעלניע ווערט ניט בערעכענט בלויז בנוגע דעם 1.50 דאָלער ארבייטס־לוין, נאָר בנוגע דער גאַנצער סומע, וואָס ס׳איז אריינגעבערעקעלט גע־וואָרען אויף די 1000 ציגעל.

אויפ׳ן וויסענשאפטליכען לשון הייסט עס:

די מעהר־ווערט נאָרמע ווייזט דעם פראָצענט מעהר־ווערט פון דעם לעבעדיגען קאפיטאל (ארבייטס־לוין). די פראָפיט־נאָרמע ווייזט דעם פראָצענט מעהר־ווערט פונ׳ם גאַנצען קאפיטאל, פון׳ם לעבעדיגען און טויטען צוזאמען.

מען בעדאַרף אויך ניט פערגעסען, אז מיר ריידען דאָ אין אזא פאל, ווען די אַנדערהאלבען דאָלער מעהר־ווערט בלייבען ביי די ציגעל פאבריקאַנטען אלס פראָפיט.

אין דער פראַקטיקע איז געוועהנליך אנדערש. פון די 1.50 דאָלער מעהר־ווערט מוז דער אונטערנעהמער נאָך צאָהלען שטייערען, צינזען און אנדערע אָבצאָהלונגען. פון די פראָצענטען פראָפיט וועלען נאָך דארפען אראָבגערעכענט ווערען אָט די אלע אויסגאַבען.

די ס ו מ ע (ניט דער פראָצענט) פראָפיט וועט זיין גלייך צו דער ס ו מ ע מעהר־ווערט, נאָך דעם ווי עס וועלען ווערען ארונ־טערגערעכענט די אַנדערע אויסגאַבען, ווי די צינזען פאר׳ן לייהען דאָס געלד, רעגיערונגס־שטייערען א. ז. וו. דער פ ר אָ צ ע נ ט

פּראָפיט וועט אויסגעפונען ווערען, ווען מען זאָל פערגלייכען דעם ר י י נ ע ם פּראָפיט אין'ם ערך פון אַלע הוצאות פון דער אונ־טערנעהמונג.

דער מעהר־ווערט איז, בכן, די נים־בעצאָהלטע ארבייטס־קראַפט. דער מעהר־ווערט איז נאָר מעגליך דעמאָלט, ווען די געזעלשאַפט איז געבויט אויף פּריוואַט־אייגענטום, ווען די ארביי־טער האָבען ניט אַליין קיין פּראָדוקציאָנס מיטלען און קענען אַליין פאַר זיך ניט אויסנוצען זייער ארבייטס־קראַפט.

דער פּראָפיט און, ממילא, דאָס גאַנצע רייכטום קומט פון מעהר־ווערט — ד. ה. פון דער ניט־בעצאָהלטער ארבייטס־קראַפט.

מיר האַלטען ניט פאַר איבעריג צו בעמערקען, אז ווען מאַרקס זאָגט, דאָס דער מקור פון פּראָפיט איז דער מעהר־ווערט, מיינט ער דערמיט ניט צו זאָגען, דאָס אין אַן אונטערנעהמונג, וואו עס איז דאָ אַ גרעסערער מעהר־ווערט, איז אויך דאָ מעהר פּראָפיט. עס רעדט זיך דאָ וועגען דעם פּראָפיט פון'ם גאַנצען כלל, פון אַלע אונטערנעהמונגען אין אונזער געזעלשאַפט.

אין אונזער היינטיגער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויפ'ן קאַפּיטאַל, וואו קאַפּיטאַל איז דער הויפּט־בעוועגער פון אַלע אונ־טערנעהמונגען, בעקומט יעדער אונטערנעהמער אַ פּראָפיט אין פערהעלטנים מיט דער גרויס פון זיין קאַפּיטאַל און ניט אין פער־העלטנים מיט דעם סכום־מעהר־ווערט, וואָס ווערט ביי איהם אין אונטערנעהמונג געשאַפען. דער מעהר־ווערט איז טאַקי דער קוואַל פון פּראָפיט פאַר'ן גאַנצען כלל. אויב עס וואָלט ניט זיין קיין מעהר־ווערט, וואָלט אויך ניט זיין קיין פּראָפיט. אָבער אין דער פערנאַנדערטיילונג פון'ם פּראָפיט צו יעדען אונטערנעהמער בע־זונדער שפּיעלט די הויפּט־ראָלע דאָס קאַפּיטאַל. דאָס קאַפּיטאַל איז די הויפּט־מאַכט ביים פערנאַנדערטיילען פון'ם מעהר־ווערט אַלס פּראָפיט פאַר די איינצעלנע אונטערנעהמער.

אין היינטיגע צייטען, וואו יעטווידער קען טהאָן מיט זיין קאַפּיטאַל, וואָס זיין האַרץ גלוסט, ווען עס הערשט פרייע קאָנקור־רענץ און יעדערער קען זיך אויסקלייבען אַ פּרנסה, וועלכע ער וויל, האָט זיך נעמוזט אויסאַרבייטען דער בעוואוסטער כלל אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע: ג ל י י כ ע ק אַ פּ י ט אַ ל ע ן ג י־ ב ע ן ג ל י י כ ע פּ ר אָ פ י ט ע ן, מאַכט ניט אויס, ווי דאָס קאַפּיטאַל ווערט פערווענדעט אין דער אונטערנעהמונג, צי מעהר אויף ארבייטס־קראַפט, צי מעהר אויף אינסטרומענטען און

רויהע מאטעריאלען. א גרעסערעס קאפיטאל גיט אויך א גרעסע־רען פראפיט, מאַ אין דער אונטערנעהמונג געשאפען ווערען ווענ־גער מעהר־ווערט. אויב עס זאל ניט זיין אזוי, אויב דער אונ־טערנעהמער, וואס לייגט אריין אין זיין אונטערנעהמונג מעהר געלד פאר ארבייטס־קראפט (לעבעדיגע קאפיטאל), וואלט קריגען מעהר פראפיט, ווי יענער, וואס גיט אוים די זעלבע סומע געלד אויף מאשינעס, רויהע מאטעריאל און אנדערע טיילען פון טויטען קאַ־פיטאל, וואלט דאך קיינער ניט וועלען זיך נעהמען פאר אזא גע־שעפט, וואו ס'פאדערט זיך א סך טויטעס קאפיטאל. עס האט זיך דעריבער שוין אזוי אויסגעארבייט אין אונזער לעבען, אז די א ר ג א נ י ז א צ י ע פון קאפיטאל (צי עס איז מעהר אויס־געגעבען געווארען אויף ארבייטס־קראפט, צי מעהר אויף טויטעס קאפיטאל) שפיעלט קיין ראליע. דער פראפיט איז אבהענגיג פון'ם ג ר ו י ס פון קאפיטאל, אבער ניט פון דעם אופן, ווי דאס קאַ־פיטאל ווערט פערוועגדעט אין דער אונטערנעהמונג.

דער פראפיט פון כלל איז אבהענגיג פון דעם כלל'ס מעהר־ווערט. א גרעסערער מעהר־ווערט גיט א גרעסערען פראפיט. דער פראפיט פון יעדען איינצעלנעם אונטערנעהמער איז אבהענגיג פון דעם איינצעלנעם קאפיטאל און ניט פון דעם מעהר־ווערט, וואס ווערט געשאפען אין זיין אונטערנעהמונג.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, ווען מיר זעהען, אז פיעל אונטערנעהמונגען, וואו עס ארבייטען זעהר ווייניג ארבייטער, גיבען פון דעסטוועגען א סך מעהר פראפיט, ווי אזוינע אונטער־נעהמונגען, וואו עס ארבייטען א סך מעהר ארבייטער, אבער מיט א קלענערען קאפיטאל. אין יעדען בעזונדערען פאל בעקומט דער אונטערנעהמער זיין פראפיט ניט לויט דעם סכום מעהר־ווערט, ווי פיעל עס ווערט ביי איהם געשאפען, נאר לויט דער גרוים פון קאפיטאל, וואס ס'איז פערטהאן אין דער אונטערנעהמונג.

עס איז אויך נויטיג צו וויסען, אז דער מעהר־ווערט קומט ניט אן דוקא צו דעם, ביי וועמען ער ווערט אויפגעטהאן, נאר אלע קאפיטאליסטען צוטיילען איהם צווי־שען זיך. א טייל נעהמט, ווי שוין געזאגט, דער פראצענטניק, א טייל קריגט דער סוחר פאר'ן אויסברייגגען די סחורות, און איבער־הויפט יעדער קאפיטאליסט, אויב ער פערוועגדעט זיין געלד אין וועלכען עס איז ניט געשעפט, קריגט א טייל מעהר־ווערט, וואס ווערט ערגעץ אנדערש־וואו געשאפען.

ווייל מען פאַרמולירען מאטעמאַטיש דעם פּראָפיט פון יעדער אונטערנעהמונג, קען מען זאָגען: דער פּראָפיט איז גלייך צו די חלקים, וועלכע קומען אַרויס, ווען מען צוטיילט דעם סך־הכל פון אלע מעהר־ווערטען, וואָס די געזעלשאַפט שאַפט, אויף די יחידישע קאַפּיטאַלען, וואָס זיינען אריינגעטהאָן אין אונטערנעהמונגען.

## דרייצעהנטע לעקציע

# אַרבייטס־לוין

דער בעגריף „אַרבייטס־לוין“; די בעדינגונגען, אונטער וועלכע „אַר־בייטס־לוין“ איז געוואָרען אַ בעזונדערע הכנסה; אבסאָליוטע און רע־לאַטיווע אַרבייטס־לוין; נאָמינאַלע און רעאַלע אַרבייטס־לוין; געלד־לוין און נאַטור־לוין; דער נאַטור־לוין בעשטעטיגט די מעהר ווערט טעאָריע; צייט־לוין (צייט אַרבייט) און שטיק־לוין (שטיק אַרבייט); די חסרונות פון שטיק אַרבייט; פּראָפיט בעטיילוגנג; דריי פאָרמען פון פּראָפיט בעטיילוגנג; די געשיכטע פון פּראָפיט בעטיילוגנג און די אורזאַכען, וועלכע האָבען געפיהרט דערצו; הענרי פאָרד'ס עקספּערי־מענט; די פּראָפיט בעטיילוגנג אין דער דיסטילעריע; ווען פּראָפיט בעטיילוגנג ברענגט נוצען די אַרבייטער.

מיר וועלען זיך אַצינד אָבשטעלען אויף דעם וויכטיגען צווייג הכנסה, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען: אַרבייטס־לוין.

אונטער אַרבייטס־לוין פערשטעהט מען די הכנסה, וואָס קומט אימיצען אריין צוליב דעם, וואָס ער פערקויפט זיין אַרבייטס־קראַפט.

די בעלוינונג פאַר פּראָסטע אַרבייט, אויף וועלכע מען דאַרף זיך ניט לערנען, ווערט אָנגערופען שכירות. די בעלוינונג פאַר קוואַליפיצירטע אַרבייט, פאַר אַזאַ אַרבייט, וואו מען דאַרף אָבגע־בען אַ געוויסע צייט זי צו קענען אָדער פאַר קאָפּ־אַרבייט ווי, אַ שטיינער די אַרבייט פון אַ לעהרער, פון אַ דאָקטאָר, פון אַ שריפט־שטעלער, פון אַ קינסטלער א. אז. וו., ווערט אָנגערופען געהאַלט אָדער האָנאָראַר.

אַרבייטס־לוין איז אַ הכנסה, צו וועלכער מען דאַרף ניט האָ־בען קיין קאַפּיטאַל. דאָס איז דער פּרייז, וואָס מען קריגט פאַר'ן כח, פאַר די ענרגיע פון מענשליכען קערפּער, וואָס ווערט אָנגע־ווענדעט צו ברייננגען נוצען אין עקאָנאָמישען לעבען.

אַרבייטס־לוין אַלס אַ בעזונדערע הכנסה איז נאָר מעגליך, ווען דער אַרבייטער איז דער גנזעצליכער באַלעבאָס פון זיין כח, ווען ער איז דער אייגענטימער פון זיין אַרבייטס־קראַפט און האָט דאָס רעכט צו טהאָן מיט איהר, וואָס ער וויל. אין די צייטען פון שקלאַפעריי און לייב־אייגענשאַפט, ווען דער מענש איז מיט זיין

ארבייט געווען משועבד צום האר אָדער צום פּריץ, איז ארבייטס־קראַפט ניט געווען קיין סחורה צו פּער־קויפען און עס איז במילא ניט געווען קיין ארבייטס־לוין. אויסער דעם קען זיין ארבייטס־לוין נור דעמאָלט, ווען דער ארבייטער אליין האָט ניט די גענוגנהייט אויסצונוצען זיין אר־בייטס־קראַפט, ווען ער האָט ניט קיין פּראָדוקציאָנס מיטלען, ווען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהערען אַן אנדערן. נור אין אונזער היינטיגען סיסטעם, וואו די מאַשינעס, אינסטרומענטען, רויהע מאַ־טעריאַל און אנדערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהערען צו איין קלאַס מענשען, און די סחורה ארבייטס־קראַפט געהערט צו אַן אנדער קלאַס מענשען, וועלכער האָט ניט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווען די איינענטימער פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען דינגען ארבייטער, וועלכע מוזען מאַכען אַ לעבען פון זייער פּראַצע — נור אין היינ־טיגען סיסטעם, וואו די געזעלשאַפט איז צושפּאָלטען אין בעזיצענדע און ניט־בעזיצענדע קלאַסען, איז ארבייטס־לוין געוואָרען אַן אָב־געזונדערטע הכנסה.

ווי מיר ווייסען פון פריהער איז ארבייטס־לוין (דער פּרייז פון דער ארבייטס־קראַפט) נור אַ טייל פון די ווערטען, וואָס דער ארבייטער ארבייט אויס. אַן אנדער טייל (מייסטענס דער גרעסטער טייל) פון דער פּרוכט פון דער ארבייט געהט איבער צום אונטערנעהמער בתורת מעהרווערט. די גאַנצע הכנסה פון דער געזעלשאַפט קומט פון דער ארבייט און די פּראָדוקטען פון דער ארבייט ווערען צוטיילט צווישען די אונטערנעהמער און די אר־בייטער. די אונטערנעהמער קריגען מעהרווערט און די ארבייטער קריגען דעם טייל פון זייערע געשאַפענע פּראָדוקטען, וואָס איז נויטיג צו דערהאַלטען זייער לעבען, זיי זאָלען ווייטער קענען אר־בייטען. דער ארבייטס־לוין ווערט דעריבער איינגעטיילט אין דער א ב ס אָ ל ו ט ע ר א ר ב י י ט ס ־ ל ו י ן און דער ר ע־ל אַ ט י װ ע ר א ר ב י י ט ס ־ ל ו י ן.

אבסאָלוטער ארבייטס־לוין איז דער ארבייטס־לוין פאַר זיך אַליין, די סומע ארבייטס־לוין, וואָס ווערט אויסגעצאָהלט. רעלאַ־טיווע ארבייטס־לוין איז דער ארבייטס־לוין אין׳ם ערך מיט דער גאַנצער הכנסה, וואָס קומט אריין פון דער ארבייט.

ווען איין ארבייטער קריגט, למשל, 15 דאָלער די וואָך שכירות און אַ צווייטער קריגט 18 דאָלער די וואָך, איז דער אבסאָלוטער ארבייטס־לוין פון דעם ערשטען ארבייטער קלענער ווי דער אבסאָ־

לוטער ארבייטס־לוין פון׳ם צווייטען ארבייטער, בעת דער רעלאטי־ווער ארבייטס־לוין קען ביים ערשטען ארבייטער אמאל זיין גרעסער, ווי ביים צווייטען ארבייטער. אויב דער גאנצער פראדוקט פון דעם ערשטען ארבייטער איז, א שטייגער, ניט ווערט מעהר ווי 25 דאלער און דער פראדוקט פונ׳ם צווייטענ׳ס ארבייט איז ווערט, לאמיר זא־גען, 36 דאלער, דאן קריגט דער ערשטער ארבייטער מעהר ווי העלפט פון דער הכנסה, וואס זיין ארבייט ברייננט אריין, און דער צווייטער ארבייטער קריגט בלויז א העלפט פון דער אלגעמיינער הכנסה.

מען אונטערשיידעט אויף **נאמינאלען ארבייטס־לוין** און **רעאלען ארבייטס־לוין**.

נאמינאלער ארבייטס־לוין איז דאס געלד, וואס אן ארבייטער קריגט פאר זיין ארבייט. רעאלער ארבייטס־לוין — די מאס לע־בענס־מיטעל, וואס אן ארבייטער קען קריגען פאר זיינע שכירות, געצאהלט מיט געלד.

דער נאמינעלער ארבייטס־לוין קען שטייגען און דאך זאל דער רעאלער ארבייטס־לוין פאלען. דאס איז אין א צייט, ווען דער פרייז פון די לעבענס־מיטלען שטייגט אין א גרעסערער מאס, ווי די העכע־רונג פון שכירות. די געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פאר די לעצטע יאהרען קען דיענען פאר דער בעסטער אילוסטראציע אין דעם פרט. ניט קוקענדיג, וואס די שכירות האבען זיך, א דאנק דער שטארקער טרייד יוניאן בעוועגונג, בעדייטענד געהעכערט, איז דאך די לאגע פון די ארבייטער בכלל, ערגער געווארען. די שכירות זיינען געשטיגען אין 20־30 פראצענט און די לעבענס־מיטלען זיי־נען טייערער געווארען אויף 47 פראצענט. ווילען מיר אור־טיילען די לעבענס־בעדינגונגען פון די ארבייטער־מאסען, דארפען מיר ניט קוקען אויף די שכירות, וואס ווערט אויסגעצאהלט אין געלד, נאר אויף די לעבענס־מיטלען, וואס די מאסען זיינען אין שטאנד צו קריגען פאר זייערע שכירות. ניט דער נאמינאלער נאר דער רעאלער ארבייטס־לוין קען דיענען פאר דער מדרגה פון וואהל־שטאנד ביי די ארבייטער.

אין איצטיגער צייט ווערט די שכירות געוועהנליך אויסגע־צאהלט מיט מזומנ׳ע געלד, און עס ווערט בכלל אנגערופען **געלד־לוין**. עס זיינען נאך אבער פאראן ניט ווייניג אונטערנעה־מונגען, וואו די ארבייטער קריגען פאר זייער ארבייט ניט געלד, נאר דעם **נאטור־לוין**.

אין דעם נאַטור־לוין אונטערשיידען מיר:

1) ווען די ארבייטער קריגען א טייל פון די פראָדוקטען, וואָס זיי ארבייטען אליין אויס;

2) ווען די ארבייטער קריגען בעצאָהלט פאר זייער ארבייט מיט פערשיעדענע לעבענס־מיטלען (אין ענגליש הייסט עס truck-system).

די ערשטע פאָרם פון נאַטור־לוין איז געוועז זעהר פערשפרייט אין די פריהערדיגע צייטען, ווען עס האָט געהערשט נאַטוראַל־ווירטשאַפט. אַן ארבייטער פלעגט קריגען פאר זיין ארבייט אויף א פאָרם א טייל פון די תבואות און פירות, וואָס דער שניט האָט געבראַכט; איצט איז נאָך אויך בנמצא אזא מין נאַטור־לוין. עס טרעפט ניט גאַנץ זעלטען, ווען א מיינער, למשל, מאַכט אָב מיט אַן אייגענטימער פון א שאַכט, ער זאָל ארבייטען אין שאַכט און קריגען א טייל פון די קוילען, וואָס ער וועט ארויסברייגגען.

דעם צווייטען סאָרט נאַטור־לוין, דעם טראָק־סיסטעם, געפינט מען גאַנץ אָפט אין די קוילען דיסטריקטען. די מיינערס וואָהנען אין די הייזער, וואָס די אונטערנעהמער האָבען פאר זיי געבויט. גאַנצע ארבייטער קאַזארמעס זיינען אויף דעם אופן אויסגעבויט. אין די דאָזיגע שטעדטלעך האָבען די אונטערנעהמער זייערע קראָמען, וואו די ארבייטער קריגען ברויט, פלייש און אנדערע פראָדוקטען אלס זייערע שכירות.

אזא סיסטעם איז זעהר שעדליך פאר די ארבייטער. ערשטענס, זיינען אין מעהרסטע פאַלען די פראָדוקטען זעהר שלעכט, און די ארבייטער מיט זייערע פאַמיליען ליידען דורך דעם פון פערשיעדענע קראַנקהייטען. צווייטענס זיינען די ארבייטער אינגאַנצען אָבהענגיג פון די אונטערנעהמער און זיינען צוגעשמידט צו זייערע ערטער. גלייך נור ווי די ארבייטער ווערען אונצופרידען מיט די ארבייטס־בעדינגונגען און מיט די בעהאַנדלונגען, וואַרפט מען זיי ארויס פון זייערע דירות אויפ'ן גאַס און מען הערט זיי אויף ארויסצוגעבען די נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטלען. אין די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען מיר זעהר גוט בעקאַנט מיט אזוינע פאַלען. מעקיז ראָקס, נעבען פיטסבורג, און לודלאָוו, קאָלאָראַדאָ, זיינען ערטער, וועלכע האָבען געקראָגען א טרויעריגע פּאָפּולאַריטעט פאר אזוינע פּאַסירונגען.

דעם ארבייטער לוינט ניט אונטער קיינע אומשטענדען צו

ארבייטען אונטער אזא סיסטעם. אין אנדערע לענדער איז דאס פראק־סיסטעם אין גאנצען פערבאטען.

אגב אורחא. דער נאטור־לוין בעשטעטיגט אין א געוויסען זין די מעהר־ווערט טעאריע. ער ווייזט די שייכות צווישען דעם לוין פאר דער ארבייטס־קראפט און די נויטווענדיגסטע לעבענסמיטעל, וואס זיינען נויטיג פאר'ן לעבען פון ארבייטער.

דער ארבייטס־לוין ווערט גערעכענט ענטוועדער לויט דער צייט (צייט־ארבייט), אדער לויט דעם סכום פראדוקטען, וואס ווערען אויסגעארבייט (שטיק־ארבייט). אלס איינהייט פאר צייט־ארבייט דיענט א שעה, א טאג, א וואך א. אז. וו. אלס איינהייט פאר א שטיק־ארבייטער דיענט די מאס, דאס געוויכט, די שטיק, א. אז. וו.

צייט־ארבייט האט אין זיך די מעלה, וואס דער ארבייטער פאסט מעהר אויף אויף זיין ארבייט, ער איילט זיך ניט אזוי, ער יאגט זיך ניט ארויס די נשמה און קען אויפפאסען די ארבייט זאל ארויס בעסער. פון דער אנדערער זייט זיינען די אונטערנעהמער אין די מעהרסטע פאלען געגען צייט־ארבייט, ווייל זיי מיינען, אז די צייט־ארבייטער שטרענגען זיך ניט צו פיעל אן, זיי ארבייטען ניט אינטענסיוו און עס קומט ארויס ווייניג ארבייט. די אונטער־נעהמונגען, וואו די כמות פון דער ארבייט איז וויכטיגער ווי די איכות, פיהרען די ארבייטס־געבער איין שטיק־ארבייט.

ש ט י ק ־ א ר ב י י ט איז בכלל צום הארצען די אונטער־נעהמער, וואס ווילען ארויסקוועטשען פון זייערע ארבייטער אלס מעהר ארבייט. זיי, די אונטערנעהמער, פערשפארען אויפצופאַ־סען, די ארבייטער זאלען ניט מארודענען. זיי ווייסען, אז די אר־בייטער אליין וועלען ארבייטען איבער זייערע כחות אבי מעהר אויס־צוארבייטען, כדי צו קריגען מעהר שכירות. שטיק־ארבייט איז דער בעסטער מיטעל ארויסצוזויגען פון די ארבייטער דאס לעצטע ביסעל לעבענס־קראפט.

פאר די ארבייטער איז שטיק־ארבייט אן אונגליק. דער אר־בייטס־טאג איז גוואלדיג לאנג. די ארבייטער אליין זוכען אריינ־צוכאפען וואס מעהר ארבייט און פראטעסטירען ניט קעגען לאנגע ארבייטס־שעה'ן. אין אנפאנג דוכט זיך דעם ארבייטער אויס, אז דורך שטיק־ארבייט וועט ער קענען מאכען מעהר, און ווארפט זיך ארויף מיט גרויס חשק אויף דער ארבייט אום צו ברייננען אהיים מעהר שכירות. עס קומט אבער באלד דעם ארבייטער אויס זיך צו

איבערצייגען, אַז אפילו שכירות ברייננט די שטיק־ארבייט ווייני־גער איין, ווי צייט־ארבייט.

ווען דער אונטערנעהמער זעהט, אַז די ארבייטער מאכען אַ סך שטיק־ארבייט און קריגען לויט זיין השגה צו גרויסע שכירות, זעהט ער מיט אַלע מעגליכקייטען ארונטערצודריקען דעם פרייז פאַר יעדע שטיקעל ארבייט. דער פועל־יוצא איז, אַז די ארבייטער ארבייטען איבער זייערע כחות, ארבייטען לאַנגע שטונדען און קרי־גען סוף כל סוף אַ קלענליכען לוין. אין די פאַבען, וואו עס זיינען פאַראן וואָך־ארבייטער און שטיק־ארבייטער, איז די לאַגע פון די וואָך־ארבייטער בעדייטענד בעסער.

די טרייד־יוניאָנס זוכען דעריבער מיט אַלע מעגליכקייטען צו בעקעמפפען שטיק־ארבייט אין די שעפער און די פאַבריקען. די מעהרסטע בעוואוסטזיניגע ארבייטער זיינען געגען שטיק־ארבייט. בלויז די גאַנץ נעשיקטע ארבייטער, די אויסערגעוועהנליך קרעפ־טיגע און שנעלע ארבייטער שטעהען פאַר שטיק ארבייט, ווייל דורך שטיק ארבייט קענען זיי אויסארבייטען מעהר ווי דער דורכ־שניטליכער ארבייטער.

אַ כלל איז: שטיק־ארבייט מיינט אַ לענגערען ארבייטס־טאָג און ממילא אויך, אינדירעקט, קלענערע שכירות. עס מיינט אויך ש ל ע כ ט ע ר ע ארבייט און דאַרטען, וואו די אונטערנעהמער מוזען ארויסגעבען שעהנע, גוטע ארבייט, זיינען זיי גופא קעגען שטיק־ארבייט.

אַזוי ווי די שטיק־ארבייט, איז ניט קיין מעלה פאַר די ארביי־טער דאָס סיסטעם פון פ ר אָ פ י ט ב ע ט י י ל י ג ו נ ג. אויף דעם סיסטעם מוזען מיר זיך אביסעל לענגער אָבשטעלען, ווייל עס איז געוואָרען זעהר פערברייט אין אונזער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע.

דאָס דאָזיגע סיסטעם בעשטעהט אין דעם, וואָס די אונטער־נעהמער גיבען די ארבייטער אַ חוץ דעם ארבייטס־לוין, אַ געוויסען פּראָצענט פון דעם ריינעם פּראָפיט, וואָס די אונטערנעהמונג ברייננט.

די פּראָפיט בעטייליגונג קומט פאַר אויף דרייערליי אופנים.

א) די ארבייטער ווערט אויסגעצאָהלט סוף יאָהר אָדער סוף האַלב־יאָהר אַ געוויסע פּרעמיום (באָנוס) פאַר זייער חשק, פאַר זייער שפּאָרעוודיגקייט מיט מאַטעריאַל און געטרייקייט. קיין בע־שטימטען פּראָצענט קריגען ניט די ארבייטער, זייער חלק אין פּראָ־

פיס ווערט זיי געגעבען אלס א מ ת נ ה און די גרויס פון יעדער מתנה איז, פערשטעהט זיך, אין גאנצען אבהענגיג פון׳ם געבער (אין אונזער פאל פון׳ם אונטערנעהמער).

ב) די ארבייטער קריגען א בעשטימטען פראצענט פון דעם ריינעם פראפיט. דער אונטערנעהמער איז מחויב אויסצוצאהלען דעם אבגעמאכטען פראצענט פונ׳ם פראפיט אין א בעשטימטער צייט. די ארבייטער האבען דא ניט קיין חלק אין געשעפט גופא, נור ווען עס איז דא פראפיט קריגען זיי א געוויסען פראצענט.

ג) ווען די ארבייטער קריגען אקציעס (שערס) אין דער אונ־טערנעהמונג גופא.

אז די פראפיט־בעטייליגונג איז א סיסטעם, וואס ברייננט נוצען די אונטערנעהמער און שאדען די ארבייטער, קען מען זעהן דערפון, וואס זי איז לכתחילה ענטדעקט און איינגעפיהרט געווארען מיט דעם צוועק אבצושוואכען די ארבייטער ארגאניזאציעס.

דאס סיסטעם פון פראפיט־בעטייליגונג קומט פון דייטשלאנד, ווען ביסמארק איז געווען אין זיין גלאנץ. א דעמאלדיגער פרייסי־טער מיניסטער, פאן בערלעפס, האט ערפונדען את די פראפיט־בעטייליגונג, כדי איינצושטילען דעם צארן פון די ארבייטער.

עס דארפען הערשען פאמיליארע, פאטריארכאלישע בעציהונ־גען צווישען ארבייט און קאפיטאל — האט דער מיניסטער ער־קלערט. — עס מוז געשאפען ווערען א באדען פאר א פריינדליך צוזאמענארבייטען. אין ערפאלג פון דער אונטערנעהמונג דארפען די ארבייטער אויך זיין פעראינטערעסירט און דעמאלט וועט דער ווינד פון די רעוואלוציאנערע זעגלען ממילא פערשווינדען.

אין דער צייט, ווען אין די פערשיעדענע אפיציעלע קרייזען האט מען זיך געבראכען דעם קאפ, ווי אזוי איינצוהאלטען דעם מארש פון דער „רויטער רעוואלוציאנערער ארבייטער מחנה“, האט דער פרייסישער מיניסער פארגעשלאגען, די אונטערנעהמער זאלען זיך טיילען דעם פראפיט מיט די ארבייטער.

אין די „קרופ־ווערקע“, אין די דייטשע אמוניציאנס־פאברי־קען פון דער בעוואוסטער „קרופ־פירמע“, איז אזא סיסטעם איינ־געפיהרט און די ארבייטער זיינען טאקי ווייניגער רעוואלוציאנער.

אין אמעריקא איז אין די לעצטע יאהרען דאס פראפיט בע־טייליגונג סיסטעם געווארען שטארק אין דער מאדע.

דער בעוואוסטער אוטאמאביל פאבריקאנט פון דעטראיט,

הענרי פאָרד, האָט רעפאָרמירט אַלע זיינע גרויסע אונטערנעהמונגען אויפ'ן יסוד פון פּראָפיט־בעטייליגונג.

פאָרד איז אָהן צווייפעל אַן ערנסטער סאָציאַלער רעפאָרמער, ער געהערט ניט צו די קאַפּיטאַליסטען, ביי וועמען די מטבע איז דער וואָרצעל פון זייער נשמה. ער איז אָבער אויך אַ גרויסער ליעב־האָבער פון גרויסע פּראָפיטען און ווען די פּראָפיט בעטייליגונג וואָלט פערקלענערט זיין הכנסה, וואָלט ער דאָס געוויס ניט געטהאָן. ער האָט איינגעפיהרט דאָס סיסטעם, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט נוצען בריינגען זיינע אונטערנעהמונגען. און ער האָט זיך ניט אָבגענאַרט. דאָס נייע סיסטעם האָט פערגרעסערט דעם פּראָפיט פון זיין אונטערנעהמונג אין כמעט 100 פּראָצענט.

פאָרד'ס עקספּערימענט האָט געדיענט אַלס אַ גוטער ביישפיעל פאַר אַנדערע גרויסע אונטערנעהמער, אַזעלכע, וועלכע מען קען שוין לחלוטין ניט חושד זיין אין ארבייטער־פריינדליכקייט.

לעצטען יאָהר (1917) האָט די „יונייטעד סטיל קאָרפּאָריישאָן" איינגעפיהרט אַ פּראָפיט בעטייליגונג. נאָך איהר זיינען ארויס מיט ערקלערונגען די „קאָנסאָלידייטעד געז קאָמפּאַניע" און די ניו־יאָרקער עדיסאָן קאָמפּ., אַז אַלע ארבייטער און אָנגעשטעלטע, וועל־כע פערדינען וויינינגער ווי טויזענד דאָלער אַ יאָהר, וועלען פון איצט אָן קריגען אַ 7־פּראָצענטיגען דיווידענד. זיי האָבען נאָכגע־טהאָן כמעט אַלע גרויסע אייזען פאַבריקאַנטען און די טעקסטיל אינדוסטריעלער.

איבער'ן גאַנצען לאַנד האָט זיך די המצאה פון פּראָפיט־בעטיי־ליגונג פערשפּרייט ווי אַ בליץ און אַלע קאָרפּאָריישאָנס, וואו דער ארבייטער האָט ביז איצט דעם קאָפּ ניט געטאָרט אויפהויבען, זיי־נען מיט אַמאָל געוואָרען גרויסע בעלי יושר און האָבען צוגעזאָגט פּריווילי' אָבצוגעבען אַ טייל פון זייערע פּראָפיטען צו די ארביי־טער. אפילו די בעוואוסטע קאָלאָראַדאָ פיועל קאָמפּאַני, וואָס האָט זיך אַזוי קלעגליך בעריהמט געמאַכט מיט די בלוט־בעדער, וואָס זי האָט געמאַכט איהרע ארבייטער אין לודלאָוו, קאָלאָראַדאָ און אין אַנדערע ערטער, — אפילו זי האָט ארויסגעגעבען אַ מאַ־ניפעסט, וואו זי ערקלערט די ארבייטער אַלס שותפים אין איהר פּראָפיט.

ווי קומט עס מיט אַמאָל אַזאַ ארבייטער־פריינדליכקייט מצד ראָקעפעלער און זיינע חברים? זיינען געקומען משיח'ס־צייטען?

איז שוין מקוים געוואָרען די נביאות פון ישעיה: **וגר זאב עם כבש** (דער וואָלף וועט לעבען צוזאמען מיט'ן שעפּס)?

איינינע קאָרפּאָריישאָנס, — און דוקא אזעלכע גרויסע ווי די קאָנסאָלידייטעד געז קאָמפּאני, — זיינען אין זייערע „מאַניפעס־טען" געווען גאנץ אָפענהערציג, זיי האָבען פשוט ערקלערט, אז זיי ווילען דעם ארבייטער מאכען א שותף אין געשעפט, כדי ער זאָל זיין מעהר געטריי, מעהר איבערגעגעבען און זאָל ארבייטען איני־טענסיווער, מיט מעהר חשק.

אָט די אָפענע דבורים גיבען אַן ענטפער אויף די פראגע, אויב עס לוינט זיך די ארבייטער צו ארבייטען אונטער א פּראָפיט בע־טיילינונג סיסטעם. זיי ערקלערען אויך די כונה פון די קאפּיטאליס־טען, וואָס ליגען בעהאַלטען אונטער דעם נייעם סיסטעם.

אָרגאניזירטע ארבייט איז פאַר די קאָרפּאָריישאָנס און די טראָסטס ניט קיין גרויסע מעלה. ניט אלע מאָל גיט זיך איין ביי־צוקומען אַן אָרגאניזירטע מחנה. די טראָסטס ווילען שטענדיג זיין מעהר צופרידען צו געבען העכערע שכירות איידער צו ער־לויבען יוניאָנס. זיי ווילען בעסער נאָכגעבען די ארבייטער איינ־ציגווייז איידער צו האנדלען מיט א קאָלעקטיוו, מיט א גאנצער אָרגאניזאציע.

די דירעקטאָרען פון די גרויסע אונטערנעהמונגען זוכען שטענ־דיג מיטלען, ווי אזוי צו פערטיליגען די אָרגאניזאציעס, די יוניאָנס, ווי אזוי צו פערניכטען די אָרגאניזירטע מאכט פון די ארבייטער. אזא מיטעל איז געפונען געוואָרען אין דעם סיסטעם פון פּראָפיט בעטיילינונג. מע ערקלעהרט, הייסט עס, די ארבייטער פאר שותפים אין דער אונטערנעהמונג. ניט ראקעפעלער איז פון איצט אַן דער בעל הבית פון דעם אויל טראָסט, נאָר יעטווידער ארבייטער; ניט קארנעגיע איז דער אייגענטימער פון דעם סטיל טראָסט, נאָר אלע וואָס ארבייטען אין די פאבריקען ארום די גיגאנטישע מאשינען.

עס איז קיין פראגע ניט, אז די פּראָפיט בעטיילינונג איז זעהר א גוטע וואפען געגען די קאָלעקטיווע ארויסטרעטונגען פון די ארבייטער. דאָס נעהמט אוועק דאָס וואסער פון די רעדער און די רעוואָלוציאָנערע הידרא האָט ניט קיין מוט אויפצוהויבען דעם קאָפּ. קעגען וועמען זאָל איך פּראָטעסטירען, טראכט זיך יעדער נאאיווער ארבייטער, קעגען זיך גופא? איך בין דאָך אליין א שותף אין געשעפט און ווען איך קעמפף געגען געשעפט, הייסט עס, אז איך קעמף געגען זיך אליין.

עס איז דעריבער גאַנץ בעגרייפליך, וואָס אזא יוניאָן פרעסע־רישע קאָרפּאָריישאָן ווי די קאָלאָראַדאָ פיועל ענד אייראָן קאָמפּ. איז געווען איינע פון די ערשטע, וואָס זאָל פּראָקלאַמירען דיוויי־דענטען צו איהרע ארבייטער.

פאר די ארבייטער איז די פּראָפיט בעטייליגונג איינע פון די גרעסטע געפאַהרען. עס איז אַ געפאַהר ניט נאָר פאר דער בעוועגונג, נאָר פאר זייער איינצעל־עקזיסטענץ. דאָס פערשקלאַפט זיי, דאָס ערנידעריגט זיי צו דער מדרגה פון שווייגענדע ארבייטס־פיה, דאָס וואָרצעלט אוים ביי זיי דעם געפיהל פון פּראָטעסט און נעהמט אוועק דעם מענשליכען מוט.

מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט די פערוואַלטונג פון דער פירמע „פליישמאַן דיסטילערינג קאָמפּ." מודיע געווען איהרע אר־בייטער, אז זי האָט בדעה איינצופיהרען אַ סיסטעם פון פּראָפיט בעטייליגונג. דערמיט האָט מען די ארביימער געגעבען אַ וואונק, אז וויבאלד די פירמע אליין זאָרגט וועגען זייער לאַגע, טאָ דאַרפען זיי זיך שוין ניט אָרגאַניזירען אין אַ יוניאָן.

די פּראָפיט בעטייליגונג איז געווען איינגעפיהרט אויף וויי־טערדיגע יסודות: ארבייטער, וועלכע האָבען שוין געארבייט 5 יאָהר פאר דער פירמע, קריגען 5 פּראָצענט פון זייערע יעהרליכע שכירות אלס אַ חלק פון'ם פּראָפיט; ארבייטער, וועלכע האָבען געארבייט פאר דער פירמע 10 יאָהר, בעקומען 7½ פּראָצענט פון די יעהרליכע שכירות, און די יעניגע, וועלכע האָבען שוין געארבייט מעהר ווי 10 יאָהר בעקומען 10 פּראָצענט.

די פערוואַלטונג האָט דעם צוועק ערדרייכט. דער ענטהוּ־זיאַזם זיך צו אָרגאַניזירען אין אַ יוניאָן, וואָס די ארבייטער האָ־בען ארויסגעוויזען, איז פערשוואונדען. קיינער האָט זיך ניט גע־לאָזען זעהן אויף די פערזאמלונגען און די אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט האָט מען סוף כל סוף געמוזט אויפגעבען.

האָבען אָבער די ארבייטער געוואונען? די שכירות פון די ארבייטער אין „פליישמאַן'ס דיסטילערי", איידער זיי זיינען גע־וואָרען „שותפים", זיינען געווען אין דורכשניט פון 9 ביז 12 דאָ־לער די וואָך. נאָכדעם ווי זיי זיינען געוואָרען „שותפים", זיינען זייערע שכירות געשטיגען אויף 10—16 דאָלער די וואָך. די אר־בייטס־צייט איז ניט פערקירצט געוואָרען, עס איז געבליבען ווי פריהער 12 שעה אַ טאָג.

אין די דיסטילעריען פון פעאָריע און אנדערע שטעדט, וואו

די ארבייטער האָבען קיין דיווידענדען פון די פּראָפּיטען ניט גע־קראָגען, וואו זיי זיינען ניט געוואָרען קיין „שותפים“ מיט די אונ־טערנעהמער, נאָר האָבען געמאַכט צווישען זיך אַ יוניאָן, איז די ארבייטס־צייט ארונטער ביז 8 שעה אַ טאָג און די דורכשניטליכע שכירות זיינען געוואקסען אויף 12—25 דאָלאר די וואָך.

אויסערדעם זיינען די ארבייטער פון פליישמאַן'ס דיסטילערי געווען שוצלאָז און די אַנדערע ברויער־ארבייטער האָבען געהאַט אַן אָרגאַניזירטע מאכט.

דאָס איז איין פאַל פון פיעלע, וועלכע ווייזען בעשיינפּערליך, אַז די ארבייטער, וועלכע זיינען מוחל אויף דאָס גליק צו זיין „שותפים“ אין דער אונטערנעהמונג, זיינען אַ סך בעסער אָב, ווי די, וועלכע זיינען יאָ שותפים. ניט נאָר איז דער מוטה און דער מענשליכער שטאָלץ מעהר ענטוויקעלט, נאָר זיי לעבען פּשוט ביי בעסערע בע־דינגונגען. זיי קריגען העכערע שכירות און ארבייטען ווייניגער. אפילו אין פאָרד'ס אוטאָמאָביל פעקטאָרים, וואו מען פּערדיענט כלומרשט בעסער, ווי אין אַנדערע עהנליכע אונטערנעהמונגען, איז די לאַגע פון די ארבייטער אַ געדריקטע. די דיסציפּלין איז אַ גוואַלדיג־שטרענגע און די ארבייטער קענען זיך אפילו מיט זייער פּרייער צייט ניט בענוצען, ווי זיי גלוסט זיך.

עס זיינען יאָ דאָ פאַלען, וואו די לאַגע פון די ארבייטער איז געוואָרען בעסער דורך דער פּראָפּיט בעטייליגונג. דאָס זיינען אַזוינע אונטערנעהמונגען, וואו די ארבייטער קענען א ל י י ן ק אָ נ ט ר אָ ל י ר ע ן די פערוואַלטונג פון דער אונטערנעהמונג, ווען זיי אַליין האָבען אַ דעה און קענען אַליין בעשטימען די פּראָ־פּיטען, ווען די ארבייטער זיינען גלייכבערעכטיגט מיט די אונטער־נעהמער.

אין יענאַ (דייטשלאַנד) אין די „צייס ווערקע“, וואו דער בע־וואוסטער סאָציאַלער רעפאָרמער פּראָפעסאָר אבבע איז געווען דער הויפּט דעה זאָגער, איז איינגעפיהרט געוואָרען ניט נור די פּראָפּיט בעטייליגונג, נאָר אַ פאָרשטעהער פון די ארבייטער איז אויך פער־טראָטען אין דער געשעפטס־פיהרונג. דאָרטען איז די לאַגע פון די ארבייטער פערבעסערט געוואָרען.

אין די געוועהנליכע אונטערנעהמונגען אָבער ווערען די ארביי־טער דורך דעם סיסטעם פון פּראָפּיט בעטייליגונג ניט שותפים, נאָר בילינע דיענער פאַר'ן געשעפט.

## פיערצעהנטע לעקציע

# די הויך פון אַרבייטס־לוין.

דער גרענעץ פון אַרבייטס־לוין; ריקאַרדאָ'ס טעאָריע; די קולטורעלע פאָדערונגען פון די אַרבייטער; מאַרקס'עס בעגרינדונג וועגען דער הויך פון אַרבייטס־לוין; לאַסאַל'ס „אייזערנער געזעץ"; דער אונטערשייד צווישען ריקאַרדאָ, מאַרקס און לאַסאַל; די טעאָריע פון „אַרבייטס־לוין פאָנד"; די ניט ריכטיגקייט פון דער טעאָריע; דער צד השוה צווישען דאָס „אייזערנע געזעץ" און דעם „אַרבייטס־לוין פאָנד"; די סוביעקטיווע אַרבייטס־לוין טעאָריע; ברענטאַנאָ'ס טעאָריע; די טרייד יוניאָנס און „דאָס אייזערנע געזעץ"; איז דאָס „אייזערנע געזעץ" דורך דער מאַכט פון די טרייד יוניאָנס בטל געוואָרען? ; די טראָסטס און זייער קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און דעם קאָנסום; די שטאַרקע וואָפען פון דעם אונטערנעהמער קאָלעקטיוו; וואו קען דער עקאָנאָמישער קאַמף ברייגגען גרעסערע נוצען?

---

אַרבייטס־קראַפט האָט אַ געוויסען מקח און דער אַרבייטס־לוין האָט אַ בעשטימטע הויך און גרויס. דער אַרבייטס־לוין קען ניט ווערען פון איין צד — פון די אַרבייטער אָדער אַרבייטס־געבער — געהעכערט אָדער ארונטערגעדריקט אָהן אַ מאָס, אָהן אַ שעור און אָהן אַן ערך. עס איז פאַראַן אַ בעשטימטער גרענעץ פאַר דעם אַרבייטס־לוין. אָט דער גרענעץ ווערט אָנגערופען ד י ה ו י ך פ ו ן ד ע ם א ר ב י י ט ס ־ ל ו י ן.

ווי הויך איז דער אַרבייטס־לוין? דורך וועלכע אורזאַכען ווערט ער בעשטימט? מיט דער דאָזיגער פראַגע האָבען זיך די עקאָנאָמיסטען ניט ווייניג בעשעפטיגט. שוין דער פיזיאָקראַט טיורגאָ האָט געבויט אַ טעאָריע, וועלכע ווייזט אויף דעם געזעץ, נידעריגער פון וועלכען דער אַרבייטס־לוין קען ניט ארונטערגעהן. אדאַם סמיטה האָט טיורגאָ'ס טעאָריע ברייטער ענטוויקעלט. אַ וויסענשאַפטליכען יסוד האָט די אַרבייטס־לוין טעאָריע נעקראָגען אין די עקאָנאָמישע לעהרען פון דוד ריקאַרדאָ.

ווען אימעצער אַרבייט, פערלירט ער אַ געוויסע מאָס פון זיין כח, פון זיין ענערגיע, ער ווערט אָן אַ טייל פון זיינע מוסקולען, פון זיינע נערווען, פון זיין מאַרך. אום ער זאָל קענען צוריק בעקומען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעוואָרען, מוז ער עסען און טרינ־

קען, ער מוז זיין אנגעטהאן, ער מוז האבען א דירה — מיט איין וואָרט, ער מוז זיין אימשטאנד צופרידען צו שטעלען זיינע לע־בענס בעדערפנישען. אויב אן ארבייטסגעבער וועט ניט נאכקומען אט די הצטרכות און וועט ניט צאהלען זיינע ארבייטער אזוינע שכירות, וועלכע זאלען קלעקען צו מאכען א לעבען, וועט ער מיט דער צייט ניט קענען קריגען קיין ארבייט. פון ריינעם געשעפטס־שטאנדפונקט דארף יעדער אונטערנעהמער זעהן אונטערצוהאלטען די פראָדוקציע פון ארבייטס־קראפט, ער מוז אויסהאלטען דעם אר־בייטער, איהם געבען אויף חיונה, כדי אט די פראָדוקציע זאל ניט ווערען אבגעשוואכט.

דער ארבייטער איז ניט מעהר ווי א מענש, און ווי יעדער מענש איז ער שטערבליך. דער אונטערנעהמער מוז זאָרגען, אז דער פאָדים פון ארבייטס־קראפט זאל ניט איבערגעריסען ווערען, דער קוואל פון מענשליכען כח זאל ניט אויסגעשעפט ווערען. עס איז דעריבער נאך וויניג, וואס ער בעצאָהלט דעם ארבייטער פאר דעם כח, וואס ער פערלירט ביי דער ארבייט, כדי ער זאל קענען ווייטער ארבייטען. דער אונטערנעהמער מוז אויך זעהן, אז די ארבייטס־קראפט זאל ניט פערקלענערט ווערען אפילו נאך דעם ארבייטער'ס טויט. ער מוז, הייסט עס, ניט נור בעזאָרגען מיט לעבענס־מיטעל דעם ארבייטער אליין, נאר אויך זיין פאמיליע.

עס קומט ממילא אויס, אז **די הויך פון אר־בייטס־לוין דארף זיין די מאָס לעבענס־מיטלען** (דאס קען, פערשטעהט זיך, אויך ווערען אויסגעדריקט אין געלד), **וואס איז נויטיג אונטערצוהאל־טען די חיונה פון דעם ארבייטער און זיין פאמיליע.**

די חיונה פון אן ארבייטער פאמיליע איז ניט אין אלע צייטען און אין אלע לענדער בעשטענדיג, אונבעוועגליך. אין די וויניגער קולטורעלע לענדער בעגניגענד זיך די ארבייטער פאמיליע מיט וויי־ניגער ווי אין די מעהר קולטורעלע לענדער, וואו דער ארבייטער האט אויך העכערע בעדערפנישען. אין רוסלאנד, למשל, ביז מיט א גע־וויסע צייט צוריק, האט דער ארבייטער ניט געגעבען זיינע קינדער קיין ערציהונג. אין אמעריקא אבער איז בעסערע ערציהונג פאר קינדער א נויטווענדיגקייט. יעדער ארבייטער מוז זיין פאמיליע געבען בעסערע קליידונג, בעסערע דירות און אגב אליין מעהר הנאה האבען פון לעבען.

די נויטווענדיגסטע בעדערפנישען זיינען, בכן, ניט אומעטום און אַלע מאָל די זעלביגע. זיי ענדערען זיך לויט דער צייט, אָרט און בכלל לויט דעם קולטורעלען מצב פון די ארבייטער.

מיר זעהן, אז א חוץ די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען, וואָס זיינען נויטיג צו בעפרידיגען די נידעריגע, פיזיאָלאָגישע בעדערפ־נישען פון ארבייטער און זיין פאמיליע, מוז דער ארבייטס־לוין קלעקען פאר די קולטורעלע בעדערפנישען פון דער ארבייטער פאמיליע, און צו אונזער בעשטימונג וועגען דעם הויך פון ארבייטס לוין מוזען ווערען צוגעלייגט די ווערטער: „לויט די קולטורעלע בעדינגונגען פון די ארבייטער".

ריקארדאָ בעגרינדעט דאָ די טעאָריע מיט דעם זעלבען געדאנקען גאנג, ווי ער בעגרינדעט מאנכע אנדערע טעאָריען*).

אין עקאָנאָמישען לעבען — מיינט ריקארדאָ — ווערט פון זיך אליין רעגולירט דער ארבייטס־לוין. ווען דער ארבייטס־לוין שטעהט צו הויך און דער ארבייטער קלאס לעבט אין וואָהלטאָג, קומען פאר מעהרער חתונות, מעהר געבורטען, עס קומען צו אויפ'ן מארק פון ארבייטס־קראפט א סך מעהר פערקויפער, עס ווערט גרעסער דער אָנגעבאָט און דער מקח פון ארבייטס־קראפט פאלט זעהר נידריג. דער פועל יוצא פון צו נידריגע שכירות איז קראנקהייט און הונגער אין די ארבייטער פאמיליעס, ווייניגער חתונות צוליעב די שלעכטע צייטען, ווייניגער געבורטען און ממילא ווייניגער ארבייטס־הענד. דער אָנגעבאָט אויף ארבייטס־קראפט ווערט א סך קלענער ווי די נאָכפראגע און די שכירות מוז ממילא שטייגען. מיט דער צייט מוז זיך אויסארבייטען א געוויסער דורכשניט פאר די הויך פון די שכירות. דיזער דורכשניט מוז זיין אימשטאנד צו בעפרידיגען די נויטיגע בעדערפנישען פון דעם ארבייטער און זיין פאמיליע לויט דעם קולטורעלען צושטאנד פון דעם אָרט און דער צייט.

מארקס איז מסכים מיט ריקארדאָ און גיט נאָך צו אנדערע טעמים, פאר וואָס דער ארבייטס־לוין דארף צופרידענשטעלען דעם מינימום פון דעם ארבייטער'ס בעדערפנישען.

ווי מיר האָבען שוין געזעהן אין אונזער לעקציע איבער „מעהר ווערט" האלט מארקס, אז די ארבייטס־קראפט איז א סחורה ווי אלע

---

*) פערגלייך די מעטאָדען, ווי אזוי ריקארדאָ ערקלעהרט די ווערט־טעאָריע און די טעאָריע, אז גלייכע קאפיטאלען גיבען גלייכע רוחים. — א. ש. ז.

אנדערע סחורות און ווערט געשאצט אויפ'ן מארק אזוי ווי יעטווידע סחורה. דער ווערט פון יעדער סחורה איז די מאס ארבייט, וואס עס איז אנגעווענדעט געווארען כדי זי צו בעשאפען. דער ווערט פון דער ארבייטס־קראפט איז אויך די מאס ארבייט (אדער דער סכום לעבענסמיטעל, וואס ענטהאלטען אין זיך די מאס ארבייט), וואס איז נויטיג, כדי דער ארבייטער זאל זיין אימשטאנד צו ארביי־טען. מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס,אז דער ארבייטס־לוין (דער ווערטה פון ארבייטס־קראפט, אויסגעדריקט אין געלד) דארף בע־פרידיגען די נויטווענדיגסטע בעדערפנישען פון ארבייטער'ס לעבען.

דער מזל פון ארבייטס־קראפט — מיינט ווייטער מארקס — איז אין פיעלע פרטים א סך ערגער ווי פון א געוועהנליכע סחורה. דער פרייז פון א געוועהנליכער סחורה קען אמאל זיין נידעריגער און אמאל העכער פון איהר ווערט. אויב די נאכפראגע אויף א געוויסע סחורה איז גרעסער, ווי דער אנגעבאט, איז דער פרייז העכער פון איהר ווערט. ביי ארבייטס־קראפט קען קיין מאל ניט טרעפען, אז איהר פרייז זאל זיין העכער ווי איהר ווערט, ווייל דער אנגעבאט פון ארבייטס־קראפט איז תמיד גרעסער ווי די נאכפראגע אויף איהר. עס איז אימער דא מעהר ארבייטס־קראפט אויפ'ן מארק, ווי־פיעל די אינדוסטרי קען פערברויכען, ווייל די טעכניק ווערט ענט־וויקעלט און וואס מעהר די טעכניק ענטוויקעלט זיך, אלץ מעהר מאשינען ווערען איינגעפיהרט און וואס מעהר מאשינען, אלץ ווי־ניגער ארבייטס־קראפט דארף די אינדוסטרי. דאס שטענדיגע קאפי־טאל ווערט אלץ גרעסער אויפ'ן חשבון פון פארענדערליכען קאפי־טאל*) און ממילא ווערט די נאכפראגע אויף ארבייטס־קראפט אלץ קלענער. און וויבאלד די נאכפראגע איז קליין און דער אנגעבאט גרויס, טא מוז דער פרייז פון ארבייטס־קראפט זיין נידעריגער ווי איהר ווערט. לויט מארקס'ן האט ריקארדא א טעות, ווען ער מיינט, אז עס זיינען פאראן צייטען, ווען די נאכפראגע אויף ארבייטס־קריפט איז גרעסער, ווי דער אנגעבאט. א דאנק דער איינפיהרונג פון מאשינעס איז דער אנגעבאט פון ארבייטס־קראפט שטענדיג גרעסער ווי די נאכפראגע און איהר פרייז איז שטענדיג נידעריגער ווי איהר ווערטה.

פערדינאנד לאסאל שטעלט זיך אב אויף דעם עצם פון געדאנק אויספיהרליכער.

*) זעה לעקציע 5, „קאפיטאל". — א. ש. ז.

דער אנגעבאט פון ארבייטס־קראפט איז גרעסער פון דער נאכ־פראגע — מיינט לאסאל — ניט נור צוליעב דעם, וואס דאס שטענ־דיגעס קאפיטאל (די מאשינעס) שטופט ארויס דאס פערענדערליכעס קאפיטאל (די ארבייטס־קראפט), נאר אויך צוליעב דעם, וואס א דאנק דער טעכניק ווערט פשוט גרעסער די צאהל פערקויפער פון ארבייטס־קראפט.

די נייע ענטוויקעלטע מאשינען האבען די ארבייט צוטיילט און פעראיינפאכט. די איצטיגע אינדוסטרי פאדערט ניט קיין גאנ־צע בעלי מלאכות, זי דארף נאר האבען „הענד" — מענשען, וועלכע האבען כח און מוזען זייער כח פערקויפען פאר א געוויסען לוין. ניט געלערנטע ארביטער זיינען פאראן זעהר פיעל, א סך מעהר, ווי בעלי מלאכות, וועלכע דארפען פריהער א פאר יאהר פערברייינגען אויף זייער לערן־צייט.

א חוץ דעם, האט די ארבייטס צוטיילונג מעגליך געמאכט פרויען־ און קינדער־ארבייט. די פרויען און קינדער קומען אויפ'ן מארק, וואו מען קויפט און פערקויפט ארבייטס־קראפט, און קאנ־קורירען מיט די ערוואקסענע מענער. דורך דעם, ווידער, וואס א טייל פון דעם מיטעל קלאס געהט איבער אין די רייהען פון די ארבייטער, ווערט צווישען די ארבייטער די קאנקורענץ נאך גרעסער. ארבייטס־קראפט איז פאראן מעהר וויפיעל דער מארק קען אויסנוצען. עס איז תמיד פאראן א רעזערוו־ארמעע, וואס געפינט ניט קיין בע־שעפטיגונג. אט די רעזערוו־ארמעע פיהרט דערצו, אז דער אנגע־באט פון ארבייטס־קראפט איז שטענדיג גרעסער פון דער נאכפראגע און איהר פרייז איז קלענער פון איהר ווערטה.

לויט ריקארדא'ן קען דער פרייז פון ארבייטס־קראפט זיין אמאל גרעסער פון איהר ווערט; לויט מארקס'ן און לאסאל'ן איז דער פרייז פון ארבייטס־קראפט תמיד קלענער, ווי איהר ווערטה. און דער אונטערשייד צווישען מארקס און לאסאל בעשטעהט אין דעם, וואס מארקס ערקלערט די גרויסע אנגעבאט פון ארבייטס־קראפט דורך דעם, וואס די מאשין פערנעמט דעם פלאץ פון דעם ארביי־טער אין דער פאבריק, און לאסאל, וועלכער איז אין עצם מסכים מיט דער סברא, געהט נאך ווייטער און בעווייזט, אז די מאשין האט ניט נור ארויסגעשטויסען אן ארבייטער פון פאבריק, נור זי האט בכלל פערגרעסערט די צאהל ארבייטער אויפ'ן מארק און ממילא איז דער אנגעבאט פון ארבייטס־קראפט אימער גרעסער ווי די נאכפראגע.

דורך לאסאל׳ן איז די פראגע איבער דער גרוים פון ארבייטס־לוין געווארען מעהר בעלויכטען און דאס געזעץ פון ארבייטס־לוין, וואס איז שוין טיילווייז אויפגעשטעלט געווארען דורך די טעאריען פון דוד ריקארדא און קארל מארקס, איז אין דער עקאנאמישער ליטעראטור מעהר פערבונדען מיט לאסאל׳ס נאמען. עס הייסט טאקי: דאס אייזערנער ארבייטס־לוין געזעץ פון לאסאל.

דאס געזעץ מעג דא איבערגע׳חזר׳ט ווערען אין זיין ענדליכער פארם: די שכירות זיינען קיין מאל ניט גרעסער פון דעם מינימום לעבענסמיטעל, וואס זיינען נויטיג צו בעפרידיגען די נויטווענדיגסטע בעדערפניסען פון דעם ארבייטער׳ס חיונה.

דער פרייז פון ארבייטס־קראפט האט די טבע אלץ מעהר און מעהר ארונטערגעדריקט צו ווערען. ער קען אבער ניט זינקען טיפער, ווי די נויטווענדיגסטע מאס לעבענס מיטלען. ער קען ניט פאלען נידעריגער ווי דער מינימום. אויב דער ארבייטער זאל פון זיינע שכירות אפילו ניט קענען מאכען אן ארעם לעבען, וועט ער געווים ניט געהן ארבייטען. אויב סיי ווי סיי הונגערען — טא צו וואס נאך ארבייטען דערצו? די שכירות מוזען דעריבער לכל הפחות קלעקען אויף א לעבען צו מאכען, אמת א גאנץ ארעמען, ווי עס איז די נשמה צו דערהאלטען. א ניט וועלען די ארבייטער ניט זיין מרוצה צו פערקויפען זייער ארבייטס־קראפט.

אין דער עקאנאמישער ליטעראטור שטויסט מען זיך אן אויף נאך טעאריען איבער דעם ארבייטס־לוין.

אין די זעכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט איז געווען פאפולער די טעאריע, בעוואוסט אונטער׳ן נאמען „דער ארבייטס־לוין פאנד“. אז מען זאל ארונטער רעכענען פון קאפיטאל,— מיינען די אנהענגער פון דיזער טעאריע, — וואס איז בעשטימט פאר פראדוקציע, דאס וואס מען דארף אויסגעבען אויף רויהע מאטעריאל, מאשינעס, געביידען, קוילען א. אז. וו. וועט די איבערגעבליבענע סומע בילדען דעם „ארבייטס־לוין פאנד“. וואס גרעסער דאס קאפיטאל, אלץ גרעסער דער פאנד. די שכירות פון יעטווידען ארבייטער בעזונדער וועט זיין דער חלק, וואס וועט ארויסקומען, ווען מען זאל צוטיילען דעם פאנד אויף די צאהל ארבייטער. וואס מעהר ארבייטער אלץ קלענער וועט זיין דער חלק אויף יעדען איינצעלנעם ארבייטער בעזונדער. ווילען די ארבייטער קריגען העכערע שכירות

קענען זיי עס טהאָן אויף צוויי׳ערליי אופנים: 1) זעהען די אונ־טערנעהמער זאָלען האָבען וואָס מעהר פּראָפּיט, כדי זיי זאָלען קע־נען האָבען מעהר קאַפּיטאַל פאַר דער וויטערדיגער פּראָדוקציע; 2) זעהן צו האָבען וויניגער אַרבייטער. דאָס קען ערדייכט ווערען דורך וויניגער חתונות, וויניגער געבורטען א. אז. וו.

דער פאָטער פון דיזער טעאָריע איז געווען דער בעוואוסטער ענגלישער עקאָנאָמיסט טהאָמאַס מאַלטוס, וועלכער בעהויפּטעט, אז די אָרעמקייט אין אונזער געזעלשאַפט קומט דערפון, וואָס עס זיינען פאַראַן צופיעל מענעשן אויף דער וועלט*).

דער בורזשואַזער כאַראַקטער פון דיזער טעאָריע זעהט זיך גאַנץ בולט אַרויס. און אז זי איז אין תוך פאַלש קען יעטווידער זעהן גאַנץ קלאָר. מיר ווייסען, אז דער אַרבייטער קריגט ניט זיינע שכירות פון געלד, וואָס ליגט אָנגעגרייט פאַר איהם. ער קריגט זיינע שכירות אַלס א טייל פון דעם פּראָדוקט, וואָס ער אַרבייט אויס. מיר ווייסען ווידער, אז די שכירות מיט׳ן פּראָפּיט שטעהען אין א שאַרפען געגענזאַץ. אויב די אַרבייטער קריגען בעסערע שכירות ווערט דער פּראָפּיט פון אונטערנעהמער קלענער, הגם דער „אַרבייטס לוין פאָנד" ווערט ניט גרעסער.

דאָס „אייזערנע געזעץ" און די טעאָריע פון „אַרבייטס־לוין פאָנד", הגם זיי געהען ביידע אַרויס פון גאַנץ פערשידענע ענטגע־גענגעזעצטע שטאַנדפּונקטען, האָבען א צד השוה, אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער־שטריך, דהיינו, אז ביי די שכירות ווערט ניט גענומען אין אַנבעטראַכט די געשיקטקייט פון אַרבייטער. לויט די דאָ־זיגע טעאָריען קריגען אַלע אַרבייטער גלייך, און די מאָס אַרבייט, וואָס זיי גיבען אַרויס, שפּילט קיין ראָלע ניט.

עס זיינען פאַראַן עקאָנאָמיסטען, וועלכע בעהויפּטען, אז דער „אַרבייטס־לוין" איז ניט א בעשטימטע, פעסטגעשטעלטע זאַך פאַר אַלע אַרבייטער גלייך. זיי זאָגען, אז דער אַרבייטס־לוין איז אָב־העננגיג פון דער אינטענסיוויטעט און געשיקטקייט פון די אַרבייטער. עס ווערען ניט גענומען אין אַנבעטראַכט ניט דעם אַרבייטער׳ס בעדערפעניסען, ניט דעם אונטערנעהמער׳ס פּראָפּיטען. עס ווענדעט זיך אַלץ, וואָס פאַר א נוצען דער אַרבייטער קען ברייגנען מיט זיין

*) זעה מיין בוך: „פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איהר ענטשטעהונג און געשיכטע", קאַפּיטאַל: טהאָמאַס ראָבערט מאַלטוס, און דעם 20טען קאַפּי־טעל פון דיזען בוך: „בעפעלקערונגס פראַגע". — א. ש. ז.

ארבייטס־קראפט. די פ ע ר ז א ן פון ארבייטער, די א י נ־ ד י ו ו י ד ו א ל י ט ע ט שפילט א ראָליע ביים בעשטימען דעם ארבייטס־לוין און ניט די אָביעקטיווע בעדינגונגען, וועלכע ליגען ניט אין'ם ארבייטערס פערזאָן. מיר זעהן אויף יעדען שריט און טריט, — בעגרינדען אַט די עקאָנאָמיסטען זייער טעאָריע,—אז מען צאָהלט א געשיקטען ארבייטער, א בריה, אָדער איינעם, וואָס קען בעסער ארבייטען ארום גרויסע קאָמפּליצירטע מאשינען, מעהרער, וויפיעל אן איינפאכען ארבייטער, וואָס איז ניט געוואָהנט זיך צו בעגעהן מיט נייע מאשינעס.

שפּורען פון דיזער טעאָריע געפינען זיך שוין אין די ווערק פון אדאם סמיטה. אָבער מעהר פאָרמולירט איז זי געוואָרען אין דעם לעצטען פערטעל פון פאָריגען יאָהרהונדערט. דאָ אין אמע־ ריקא האָט די טעאָריע א סך אָנהענגער.

טיפע וואָרצלען האָט די דאָזיגע טעאָריע אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט ניט געלאָזען. אויסער דעם, וואָס זי גיט לחלוטין ניט א געוויסע מאָס, ווי אזוי מען קען מעסטען בכלל דעם ארבייטס־לוין, וואָס דער גאנצער ארבייטער־קלאַס קריגט, ערקלערט זי ניט דעם פאַקט, פאר וואָס, למשל, פרויען קריגען קלענערע שכירות פון מע־ נער אפילו דאָרטען, וואו זיי זיינען פונקט אזוי געשיקט ווי מענער און ארבייטען אויס אזוי פיעל וויפיעל מענער.

דאָ אין אמעריקא קען מען אָנווייזען אויף א סך אינדוסטריען, וואו עס האָבען פריהער געארבייט מענער און האָבען געקראָגען הע־ כערע שכירות, און עס ארבייטען דאָרטען איצט פרויען מיט קלע־ נערע שכירות, הגם זיי ברענגען ניט קיין קלענערע נוצען און ווייזען זיך ארויס פאר די זעלביגע בריות, ווי מענער.

מיר וויסען אויך, אז דיזעלביגע ארבייטער מיט דערזעלבער געשיקטקייט קריגען אנדערע אמאָל קלענערע און אנדערע אמאָל גרעסערע שכירות. ווי איז דאָס צו ערקלעהרען?

די מעהר אויסגעהאַלטענע טעאָריע בלייבט, ווי מיר זעהן, די טעאָריע, אז דער ארבייטס־לוין מוז בעפרידיגען דעם מינימום פון די נויטווענדיגסטע לעבענס בעדירפנישען.

דער בעוואוסטער דייטשער עקאָנאָמיסט ב ר ע נ ט א נ א, פון מיונכען, האָט געמאַכט איינינע וויכטיגע בעמערקונגען צו דער טעאָריע. ער זאָגט אויך, אז ארבייטס־קראַפט איז א סחורה, ווי אלע אנדערע סחורות און איהר פרייז קען אמאָל זיין גרעסער פון איהר ווערטה און אמאָל קלענער, אזוי ווי ריקאַרדאָ בעהויפּטעט. דאָס

וואָס לאַסאַל מיינט, אַז די ארבייטס־קראַפט ווערט שטענדיג פער־קויפט נידעריגער פון איהר ווערטה און קען קיינמאָל ניט זיין גרעסער, ווי דער מינימום לעבענסמיטלען, איז געווען ריכטיג אין דער צייט, ווען די ארבייטער האָבען פערקויפט זייער ארבייטס־קראַפט אינ־דיווידועל, איינציגווייז. איינציג אליין איז דער ארבייטער, אלס א פערקויפער פון זיין ארבייטס־קראַפט, א סך אין אַן ערגערער לאַגע, ווי דער אונטערנעהמער, דער קויפער. ער קען דעריבער קיין מאָל ניט קריגען מעהר, ווי פיעל עס איז נויטיג צו דערהאַלטען זיין אָרעם לעבען. אָבער זינט עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען די טרייד־יוניאָנס און קאָלעקטיווע אָבמאַכונגען, איז די סחורה אר־בייטס־קראַפט געוואָרען א סך חריף׳ר. דורך דער יוניאָן ווערט די לאַגע פון די ארבייטער, אלס פערקויפער פון ארבייטס־קראַפט, בע־סער דערמיט, וואָס זיי בילדען א גרויסע מאַכט, וועלכע שיצט דעם ארבייטער, ער זאָל ניט זיין געצוואונגען צו שטעהן איינער אליין, שוצלאָז, קעגען דעם אונטערנעהמער.

די אַלע שאָטען־זייטען פון ארבייטס־קראַפט אלס א סחורה, אויף וועלכע לאַסאַל און זיינע אָנהענגער ווייזען אָן, ווערען בעזיי־טיגט דורך דער מאַכט פון די טרייד־יוניאָנס און ממילא דאַרף דער ארבייטס־לוין ניט שטעהן אויפ׳ן גרענעץ פון׳ם מינימום לעבענס־מיטלען.

אויך אין אונזערע סאָציאַליסטישע רייהען האָט מען שפּעטער, ווען די טרייד־יוניאָן בעוועגונג האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַק־סען, אָנגעפאַנגען שטאַרק צו צווייפלען אין לאַסאַל׳ס געזעץ, וואָס איז אין די זעכציגער יאָהרען אין דייטשלאַנד געווען דער „אני מא־מין" פון יעדען כשרה׳ן סאָציאַליסט.

לאַסאַל האָט ניט צוגעגעבען אזא גרויסע געוויכט די עקאָנאָ־מישע אָרגאַניזאַציעס פון די ארבייטער. שטיצענדיג זיך אויף זיין „אייזערנעם געזעץ" האָט ער ניט געגלויבט, אַז די ארבייטער קענען דורך יוניאָנס אויסבעסערען זייער לאַגע אין דער געגענוואַרט. ער האָט דעריבער מעהר געהאַלטען פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וועל־כע שטרעבען צו אַזוינע רעפאָרמען, דורך וועלכע דער ארבייטער־קלאַס זאָל ווערען שטאַרקער פּאָליטיש.

ווען די טרייד־יוניאָן בעוועגונג האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכען גוטע פּאָרטשריט, האָט מען זיך אויך אָנגעהויבען צו פערהאַלטען קריטיש צו דעם „אייזערנעם געזעץ".

די פיהרער פון דער טרייד־יוניאָן בעוועגונג האָבען גע׳טענה׳ט,

אז די ארבייטער קענען דורך אן אָרגאַניזירטער מאַכט, אויסקעמפּפען אזוינע שכירות, וועלכע קאָנען קלעקען אויף מעהר, ווי אויף די נויטוועגדיגסטע בעדערפנישען פון לעבען. און בעת לאַסאַל האָט געקוקט אויפ׳ן געווערקשאַפטליכען קאַמפּף בלויז ווי אויף א שוהל, וואו דער ארבייטער זאָל זיך אויסלערנען דאָס אָרגאַניזאַציאָנס לע־בען, ווי אויף א מיטעל צום ציעל, בעטראַכטען איהם די יוניאָן פיה־רער אלס א ציעל פאַר זיך אליין. דער געווערקשאַפטליכער קאַמפּף הויבט און בעסערט אויס די לאַגע פון די ארבייטער אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען.

לאַסאַל׳ס געזעץ איז אמת, — זיינען ווייטער מסביר די פיה־רער פון די געווערקשאַפטען, — כל זמן די ארבייטער זיינען ניט אָרגאַניזירט און קענען ניט ארויסווייזען א ווידערשטאַנד קעגען דעם אַלמעכטיגען קאַפּיטאַל. לאַסאַל האָט נאָר אָנגעוויזען אויף א גע־וויסע שטרעמונג, וואָס עקזיסטירט אין אונזער צייט, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אז דיזע שטרעמונג קען ניט פערהאַלטען ווערען. דורך אן אָרגאַניזירטער מאַכט קענען די ארבייטער פערצאַמען דעם וועג און די שטרעמונג קען קיין שליטה ניט האָבען.

אין די לעצטע יאָהרען האָט מען שוין אפילו אויפגעהערט צו ריידען וועגען דעם „אייזערנעם געזעץ“. מאַמער אונטערשטעלט זיך איינער איהם צו דערמאָנען צום גוטען, וואַרפט מען זיך גלייך ארויף מיט א באַרג ציפערען און סטאַטיסטיקס, וועלכע ווייזען בעשיינ־פערליך, אז די ארבייטער האָבען יאָ אויסגעבעסערט זייער לאַגע. מען ווייזט אָן אויף די און יענע געווינסען, וואָס די ארבייטער האָ־בען געוואונען. איבערהויפּט ווייזט מען די טאַבעלען פון די שכירות, וועלכע דערצעהלען, אז היינט צאָהלט מען א סך גרעסערע שכירות אין אלע צווייגען פון דער אינדוסטרי ווי מיט יאָהרען צו־ריק. דערפון איז געדרונגען, אז די ארבייטער קענען קריגען פאַר זייער ארבייט מעהר, ווי דער מינימום, וואָס איז נויטיג די נשמה צו דערהאַלטען.

מיר פון אונזער זייט דענקען ניט, אז דאָס אייזערנע געזעץ איז דורך דער מאַכט פון די יוניאָנס בטל געוואָרען.

אמת, די ציפערן פון די שכירות ווייזען טאַקי א גאַנץ גרויסע העכערונג, אָבער ווען מען נעהמט אין אַכט די פּראָדוקטען, וואָס מען קען קריגען פאַר די שכירות, וועלען זיי געווים ניט זיין מעהר, ווי־פיעל דער מינימום, וואָס דאָס אייזערנע געזעץ האָט פעסטגעשטעלט.

עס איז בלויז געשטיגען דער נאָמינאַלער ארבייטס־לוין אָבער ניט דער רעאַלער ארביימס־לוין.

מיר בעמערקען אין אונזער לעבען א מאָדנע ערשיינונג. קוים איז דאָ א שטיקעל אויפשוואונג, „פראָספעריטי" און די ארבייטער קריגען העכערע שכירות, פאנגען אָן צו שטייגען די פרייזען אויף די לעבענסמיטלען. די בעסערע שכירות, וואָס די ארבייטער האָבען זיך דורך די יוניאָנס ערוואָרבען, ברייגגען נוצען ניט זיי, די אר־בייטער גופא, נור די ספעקולאנטען פון די מיטלען, וועלכע מען בעדארף קויפען צום לעבען. עס איז יצא שכרם בהפסדם.

אין די איצטיגע יקרות צייטען זעהט זיך דאָס בולט ארויס. א דאנק דער אמוניציאָנס אינדוסטרי איז געוואָרען אָן אויפשוואונג. די ארבייטער האָבען דורך סטרייקס געקראָגען העכערע שכירות. די זשורנאַליסטען האָבען דורך די צייטונגס־גלאָקען אנגעפאנגען צו קלינגען: פראָספעריטי, גוטע צייטען! ווער אָבער געניסט פון די גוטע צייטען? די ארבייטער? פערגלייכט זייער לעבען איצט און זייער לעבען איידער די מאדאם פראָספעריטי איז געקומען און איהר וועט זעהן, אז די ארבייטער לעבט זיך איצט א סך ערגער. זיי האָ־בען ווייניגער צו עסען, קענען זיך ווייניגער קליידען, ווי אין די סאמע ערגסטע צייטען.

דאָס אייזערנע געזעץ, ווייזט זיך דוקא איצט, אין צייטען פון פראָספעריטי, ארויס אין זיין גאנצער שטארקייט.

ס'איז א גרויסער טעות, אויב מען מיינט, אז קוים ערדייכען די ארבייטער געוויסע אויסבעסערונגען אין דער פראָדוק־ציע: אין די מיינס, אין די שעפער און פאבריקען ווערט שוין דורך דעם זייער לאַגע אויסגעבעסערט. עס איז דאָ נאָך א פראָנט אין אונזער עקאָנאָמישען לעבען — דער קאָנסום, דער געברויך פון די מיטלען.

די אונטערנעהמער בעזיצען ביידע פראָנטען: די פראָדוקציע און די קאָנסומפציע. זיי האָבען די פאבריקען, די שעפער, די מיינס, דאָס רויהע מאטעריאַל, און פון דער אנדערער זייט קאָנ־טראָלירען זיי אויך דעם פערקויף. די אויסגעארביימע פארם און אינדוסטרי פראָדוקטען בעלאנגען אויך צו זיי. זעהען די אונטער־נעהמער, אז די ארבייטער האָבען דורך זייערע אָרגאַניזאציעס ער־רייכט געוויסע פאָזיציעס אין דער פראָדוקציע, זוכען זיי דורך דער קאָנסומפציע אָט דיזע פאָזיציעס צונישט צו מאכען.

די טראָסטען, וועלכע קאָנטראָלירען אי די פראָדוקציע, אי די

טראנספארט מיטלען, אי דעם קאנסום, פאסען שוין אויף, אז דאס וואס זיי פערלירען אויף איין פראנט, זאלען זיי צוריק געווינען אויפ'ן צווייטען פראנט.

די ארבייטער בעפעסטיגען זיך דורך די יוניאנס נאר אויף איין פראנט, אין דער פראדוקציע, אבער די אונטערנעהמער האבען די מעגליכקייט צו בעקעמפען די ארבייטער אויףביידע פראנטען, אי אין דער פראדוקציע, אי אין דער קאנסומציע. און עס שטעלט זיך די פראגע, צי איז לאסאל אין אמת'ן ניט געווען גערעכט, ווען ער האט ניט אזוי שטארק געהאלטען פון דעם עקאנאמישען קאמף און און פיר זיך.

פונקט אזוי ווי די אונטערנעהמער האבען דורך די יוניאנס ניט צו טהון מיט איינציגע ארבייטער, אזוי האבען די ארבייטער ניט צו טהאן מיט איינצעלנע אונטערנעהמער. דא קעמפפען צוויי קאלעקטיוועז — אן ארבייטער קאלעקטיוו און אן אונטערנעהמער קאלעקטיוו. דער אונטערנעהמער קאלעקטיוו האט בעסערע וואפען און די רעאלע ארבייטער שכירות ווערען ארונטערגעדריקט ביז'ן מינימום.

מיט דער בעהויפטונג, אז דאס אייזערנע געזעץ האלט בכלל אוים, מיינען מיר לחלוטין ניט צו פערקלענערען די בעדייטונג פון דער טרייד־יוניאן בעוועגונג. די טרייד יוניאנס האבען ניט ווייניג אויפגעטאן בנוגע דער פערקירצונג פון ארבייטס־טאג, דער אוים־בעסערונג פון די סאניטארע בעדינגונגען און בכלל דעם גאנצען מצב פון ארבייטער אין פאבריק. אזוינע אויסבעסערונגען קענען געוויס אויסגעקעמפט ווערען. דאס אייזערנע געזעץ איז נאר בנוגע די שכירות. דער ארבייטס טאג איז געוויס געווארען קירצער א דאנק דעם קאמפף פון טרייד־יוניאנס. לויט אונזער מיינונג דארפען די יוניאנס טאקי מעהר קאנצענטרירען זייער קאמפף ארום די ארבייטס־צייט, ווי ארום די שכירות.

## פופצעהנטע לעקציע

# רענטע

**רענטע אַלס אַ דריטע געזעלשאַפטליכע הכנסה; וואָס איז אַזוינס רענטע און פון וואַנעט זי נעמט זיך; רענטע און אַרענדא; פאַר וואָס מע קריגט רענטע נור פון באָדען און ניט פון אַנדערע מתנות פון דער נאַטור; דער סחר, ווי אזוי די וועלט איז באזעצט געוואָרען; וועלכע באָדענס גיבען יאָ רענטע און וועלכע ניט; די דיפערענצירטע רענטע פון ריקאַרדאָ; רענטע קריגט מען אויך, ווען פערשיידענע קאַפּיטאַלען זיינען אַריינגעלייגט אין באָדען איינס נאָך דעם אַנדערען; דאָס גע־זעץ, אַז יעדע ווייטערדיגע אָנווענדונג פון אַרבייט און קאַפּיטאַל גיט אַ קלענערען פּראָפיט; די רענטע קומט אָן דעם לענדלאָרד און ניט דעם אַרענדאַטאָר; ווען שטייגט רענטע; אַ הויכע רענטע איז ניט קיין סימן מזל ברכה; זיינען די פאַרמערס די הויפּט שולדיגע אין יקרות? די לאַגע פון באָדען איז אויך ווי די פרוכטבאַרקייט; בערגבוי ווי פאַרמעריי.**

---

אויסער אַרבייטס־לוין און פּראָפיט איז פאַראַן נאָך אַ הכנסה. דיזע הכנסה איז בעוואוסט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אונטער דעם נאָמען: „רענטע“.

דער אַרבייטס־לוין איז די הכנסה פאַר׳ן אַרבייטער קלאַס; דער פּראָפיט — פאַר די קאַפּיטאַליסטען־אונטערנעהמער; די רענ־טע איז די הכנסה פאַר די ערד־פּריצים, פאַר דעם קלאַס גרונד־בעזיצער (לענדלאָרדס).

וואָס איז דאָס אַזוינס רענטע און פון וואַנעט נעהמט זי זיך?

דוד ריקאַרדאָ האָט מיט אַ זעלטענעם שאַרפזין ערקלעהרט און פערנאַנדערגעגלידערט דעם גאַנצען ענין פון רענטע.

ר ע נ ט ע — זאָגט ריקאַרדאָ — צ אָ ה ל ט מ ע ן ד ע ר פ אַ ר, וואָס מען נוצט די נאַטור־קרעפטען, די מתנות, וואָס די נאַטור האָט געגעבען.

אויף אונזער פשוט׳ן לשון ווערט רענטע אָפט פערמישט מיט די צינזען, וואָס דער רענטיער קריגט פאַר זיין קאַפּיטאַל און מיט דער אַרענדע, וואָס דער פאַכטער, דער אַרענדאַטאָר צאָהלט דעם איינענטימער פון פאַרם.

דאָס איז ניט ריכטיג.

ווען מיר האָבען, למשל, צוויי גלייכע חלקים ערד, מיט אַ גלייכען באָדען און גלייכע איבעריגע נאַטירליכע בעדינגונגען, און אויף איין חלק ערד זיינען אויפגעשטעלט די נויטיגע געביידעס: שטאַהלען, קלייטען, ברונעמער, אָדער ווען איין חלק ערד איז דרענירט, געמיסטיגט און דער צווייטער — ניט, איז, זעלבסטפערשטענדליך, אַז די ארענדע פון ערשטען חלק ערד וועט בעטרעפען אַ סך מעהרער, ווי פון צווייטען חלק. אין די ארענדע פאַר׳ן ערשטען קולטיווירטען חלק געהט אריין ניט בלויז אַ געוויסע אָבצאָהלונג פאַר דער ערד, וואָס די נאַטור האָט געגעבען, נאָר אויך אַ געוויסער צינז, אַ ריוח פאַר דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אריינגעלעגט אין די געביידען און די איבריגע פערבעסערונגען. רענטע וועט זיין דאָס, וואָס מען וועט צאָהלען פאַר דעם צווייטען חלק ערד, אויף וועלכען מען האָט ניט אויסגעגעבען קיין איין פּרוטה קאַפּיטאַל און ניט קיין איין אטאָם ענערגיע (כח).

רענטע איז, בכן, דער שכר, די אָבצאָהלונג פאַר די בענוצונג מיט די נאַטירליכע מתנות. ווי קומט עס אָבער, אַז דוקא דער באָדען גיט רענטע? פאַר וואָס צאָהלט מען ניט אַ רענטע, ווען מען בענוצט זיך מיט לופט, וואַסער, ליכט און ווינטען, וואָס זיינען אויך אַזוי וויכטיג פאַר דער פּראָדוקציע ווי דער באָדען? אָהן די דאָזיגע כחות פון דער נאַטור וואָלט דאָך אויך דעם מענשען׳ס אַרבייט זיין אונפּרוכטבאַר, אָהן אַ שום ערפאָלג, ווי אָהן דעם באָדען. דאָס איז דעריבער — ענטפערט ריקאַרדאָ — ווייל די לופט און ליכט זיינען אומעטום גלייך. עס איז ניט פאַראַן בעסערע ליכט און ערגערע ליכט, גוטע לופט און שלעכטע לופט פאַר די ענינים פון פּראָדוקציע.

אַ חוץ דעם זיינען אָט די קרעפטען פאַראַן לרוב, אין איבערפלוס. עס קען אין זיי קיינמאָל קיין דוחק ניט זיין. דער באָדען איז אָבער ניט אומעטום גלייך פּרוכטבאַר. עס גיבען מעהר פּרוכטבארע באָדענס און וויניגער פּרוכטבארע. דערצו איז דער באָדען בעגרענעצט. עס איז פאַראַן אַ געוויסער שטח, אַ געוויסע פלעכע און מעהר ניט. דער באָדען קען ניט אויסגעצויגען ווערען. אָט צוליעב דעם, וואָס דער באָדען איז בעשרענקט און וואָס עס איז פאַראַן פ ע ר ש י ע ד ע נ ע זאָרטען באָדענס, בעסערע און ערגערע, קומט צו אַ נייע הכנסה פאַר די גרונדבעזיצער, אונטער׳ן נאָמען „רענטע“.

אום דאָס צו פערשטעהן, שילדערט אונז ריקאַרדאָ, ווי אַזוי

עס איז פארגעקומען דער ישוב העולם, ווי אזוי די ערד איז באזעצט געווארען.

ווען מענשען קומען אין א לאנד זיך בעזעצען, וועלען זיי קודם כל נעהמען בעארבייטען, געוועהנליך, די פרוכטבארסטע און בעס־טע באדענס, וועלכע זיינען אין דיעזען לאנד פאראן, ווייל אויף אזא באדען קען מען מיט וויניגער ארבייט שאפען מעהר פראדוק־טען. אויב אזוינע באדענס זיינען פאראן אזוי פיעל, דאס זיי קלע־קען פאר אלעמען, ד. ה. אויב אום צו בעפרידיגען איהרע בעדערפ־נישען דארף די בעפעלקערונג ניט אנקומען צו בעארבייטען ווייניגער פרוכטבארע באדענס — וועט דאן קיין רענטע ניט זיין, אזוי גוט ווי עס איז ניטא קיין רענטע פאר דער בענוצונג פון לופט, ליכט, וואסער און די איבעריגע מתנות פון דער נאטור. דער ווערטה פון אלע סחורות און ממילא אויך פון די לעבענסמיטלען, וועלכע ווערען בעשאפען דורך לאנדווירטשאפט, קען ניט זיין העכער, ווי די מאס ארבייט, וואס ווערט צוטיילט בלויז צווישען די קאפיטא־ליסטען און די ארבייטער. א בעזונדערע הכנסה איז דא ניטא פון וואנעט צו ציהען.

ווען די בעפעלקערונג ווערט גרעסער און די פרוכטבארע בא־דענס צוליעב זייער בעגרענעצטען פלאץ קלעקען שוין ניט פאר דעם סכום נויטיגע לעבענספראדוקטען, טרעט מען דאך שוין צו, באין ברירה, צו בעארבייטען יענע באדענס, וועלכע זיינען שוין ניט אזוי פרוכטבאר ווי די ערשטע, אבער די פרוכטבארסטע פון די איבער־געבליבענע יונג־פרוי באדענס. דער ווערטה פון די פראדוקטען, וועלכע ווערען פראדוצירט אויף אזא באדען, אויפ'ן באדען פון צווייטען קלאס, וועלען דאך מוזען דעקען די הוצאות, ד. ה. די מאס ארבייט, וואס זיי האבען געקאסט. נו, ווען דיזע פראדוקטען דע־קען די הוצאות פון דער אויסגעגעבענער ארבייטס־קראפט, מוזען דאך מסתמא די פראדוקטען, וועלכע ווערען פראדוצירט אויפ'ן בא־דען פון ערשטען קלאס, בעצאהלען **ניט בלויז די הוצאות.** זיי גיבען צוליב דער פרוכטבארקייט פון דעם בא־דען א געוויסען עודף, א צוגאב צו די הוצאות.

**אט דער צוגאב, וואס מען קריגט פון דעם ערשטען קלאסישען באדען צוליעב זיין גרעסערע פרוכטבארקייט איבער דעם באדען פון צווייטען קלאס, איז דער קוואל פון רענטע.**

דער באָדען פון צווייטען קלאַס גיט ניט קיין רענטע. ער רעקט בלויז די הוצאות. א רענטע גיט נאָר דער באָדען פון ערש־טען קלאַס. די רענטע איז אזוי גרויס, אויף וויפיעל דער ערשטער באָדען איז פּרוכטבארער פון צווייטען באָדען.

שפּעטער, ווען די בעפעלקערונג מוז שוין אָנקומען צו בע־ארבייטען די באָדענס פון דריטען קלאַס, וועלען די באָדענס פון צווייטען קלאַס שוין אויך אָנפאַנגען צו געבען א רענטע, און אויך אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער באָדען פון צווייטען קלאַס איז מעהר פּרוכטבאר פאַר'ן באָדען פון דריטען קלאַס. די רענטע פון'ם ערש־טען באָדען וועט שוין ווערען נאָך גרעסער. זי וועט זיין גלייך צו דעם אונטערשייד צווישען די פּרוכטבארקייט פון דריטען באָדען און ערשטען באָדען.

ווען איך פּערוועגד, דהיינו, א קאַפּיטאַל פון 1,000 דאָלער (דאָס קאַפּיטאַל איז ניט אנדערש, ווי פּערגליווערטע ארבייט) אויף יעטווידען פון אונזערע דריי זאָרטען באָדענס, וועל איך אויפ'ן באָדען פון ערשטען קלאַס בעקומען צ. ב. נאָכ'ן שניט 2,000 פּוד ווייץ; אויפ'ן באָדען פון צווייטען קלאַס — בלויז 1,500 פּוד ווייץ; אויפ'ן באָדען פון דריטען קלאַס — בלויז 1,000 פּוד ווייץ. עס פערשטעהט זיך, אז דער ווערטה פון יעדען פּוד ווייץ וועט זיין א דאָלער, אזוי פיעל, וויפיעל עס קאָסט אויפ'ן דריטען באָדען. זאָל א פּוד ווייץ קאָסטען וויינינגער ווי א דאָלער, וועט דאָך קיינער ניט וועלען זיין א פּארמער אויפ'ן באָדען פון דריטען קלאַס. יעדער איינציגער, וועלכער זוכט אן עסק און האָט מזומן 1,000 דאָלער, וועט האָבען א קליינעם חשק צו פערלירען זיין קאַפּיטאַל אין פּאַר־מעריי. אן אנדער געשעפט וועט איהם שוין א סך בעסער לוינען. נו, אויב יעדער פּוד ווייץ וועט קאָסטען א דאָלער, וועלען די פּאַר־מערס פון'ם דריטען זאָרט באָדענס קריגען בלויז 1,000 דאָלער, אזוי פיעל, וויפיעל עס זיינען געווען הוצאות און דער געוועהנליכער פּראָ־צענט פּראָפּיט (אום אויסצומיידען גרויסע חשבונות רעכענען מיר די 1,000 דאָלער שוין צוזאַמען מיט דעם געוועהנליכען פּראָצענט, וואָס יעדער קאַפּיטאַליסט דאַרף קריגען פון אן עסק). קיין רענטע איז דאָ ניטאָ.

פון'ם צווייטען זאָרט באָדען וועט מען שוין בעקומען 1,500 דאָלער, ד. ה. א רענטע פון 500 דאָלער; פון'ם ערשטען זאָרט באָ־דען — נאָך א גרעסערע רענטע — א רענטע פון 1,000 דאָלער. עס קומט אויס, אז די רענטע דיפערענצירט זיך, האָט פערשידענע

מדרגות. נים אַלע אייגענטימער פון פארמס קריגען אַ ג ל י י כ ע רענטע. דאָס ווענדעט זיך אָן דעם דיפערענץ צווישען די ערגסטע באָדענס, וועלכע ווערען אין דער געזעלשאַפט בעארבייט, און צווייטע די בעסערע, מעהר פּרוכטבארע באָדענס. וואָס ווייטער מען טרעט צו צו בעארבייטען ווייניגער פּרוכטבארע באָדענס, אַלץ גרעסער ווערט דער דיפערענץ און אַלץ העכער שטייגט די רענטע.

אָט די טעאָריע איז בעוואוסט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אונטער'ן נאָמען: „ד י ד י פ ע ר ע נ צ י ר ט ע ר ע נ ט פ ו ן ר י ק א ר ד אָ".

---

פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, איז געדרונגען, אַז די רענטע קען נור דאַן שטייגען, ווען מען טרעט צו צו בעארבייטען אַ נייעם — אָן ערגערען — זאָרט באָדענס, וועלכע זיינען ביז איצט געלעגען ניט בעארבייטערהייד; ווען דער שטח לאַנד, וואָס ליגט אונטער'ן אַקער, האָט זיך פערגרעסערט.

אין אמת'ן קען רענטע אויך שטייגען דאַן, ווען דער שטח בעארבייטע לאַנד ווערט אפילו ניט גרעסער. עס איז דערצו גענוג, אַז דאָס קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אָנגעווענדעט כדי דעם באָדען צו בעארבייטען, זאָל ווערען גרעסער.

אַז די בעפעלקערונג ווערט גרעסער און מען נויטיגט זיך אין תבואה און איבעריגע לעבענס-מיטלען, קען דאָס ערדייכט ווערען אויף צווייערליי אופנים.

ערשטענס דורך דעם, וואָס דער שטח לאַנד פאַר פאַרמעריי ווערט גרעסער. מען נעמט צו אונטער'ן אַקער אַזוינע באָדענס, וואָס זיינען נאָך ביז איצט ניט בעארבייט געוואָרען. צווייטענס, קען מען פערגרעסערען די מאָס תבואה דורך דעם, וואָס מען פאַנגט אָן צו פיהרען אַ בעסערע, אַ מעהר אינטענסיווע ווירטשאַפט. מען פערגרעסערט דעם אינווענטאַר, מען ווענדעט אָן מעהר ארבייטס-קראַפט, מען קויפט מעהר בהמות, מען מיסטינגט בעסער די פעלדער, מען דרענירט דעם באָדען, מען פיהרט איין בעסערע אַקער-אייזענס — מיט איין וואָרט, מען לייגט אריין אין דעם פאַרם אַ נייעם קאַפּיטאַל.

געוועהנליך, — מיינט ריקאַרדאָ, — קען דער נייער אריינגעברעקעלטער קאַפּיטאַל, וויפיעל ער זאָל ניט פערגרעסערען די מאָס תבואה און איינשפּאָרען אַרבייט, ניט ברייגגען אַזאַ פּראָצענט ריוח, ווי דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרען פריהער אין

דערזעלבער פארם. אויב עס זאָל יאָ זיין אזוי, וואָלט מען דאָך איבערהויפּט קיין מאָל ניט דאַרפען פארגרעסערען דעם שטח לאנד. אנשטאט צו פערגרעסערען און אַנפאנגען צו בעארבייטען א נייע שטיק ערד, וואָלט מען דעמזעלביגען קאפּיטאַל, וואָס דאַרף אַנ־געווענדעט ווערען אויף דעם נייעם צוגענומענעם באָדען, בעסער ארייגטהאָן אין דעם שוין פון פריהער געעפּענטען באָדען. די גאַנ־צע וועלט וואָלט זיך געקענט אויף דעם אופן בעגניגענען מיט איין אקער בעאַרבייטע לאַנד. אויב פאקטיש איז ניט אזוי, אויב אין אמת'ן ווערט דער שטח לאַנד, וואָס איז אונטער'ן אקער, אלץ גרע־סער, איז דערפון געדרונגען — אזוי שליסט ריקאַרדאָ — אז עס לוינט בעסער פאר דעם זעלביגען קאפּיטאַל אַנפאַנגען צו בעאַר־בייטען א נייעם פּלאַטץ, איידער עס צו פערווענדען אויף דעם אַל־טען שוין בעאַרבייטען באָדען.

א כלל, אז דער ערשטער פערברויכ־טער קאַפּיטאַל גיט מעהר ריוח ווי דער צווייטער פערברויכטער קאַפּיטאַל. אָדער בעסער: דער קאפּיטאַל, וואָס ווערט אַנגעווענדעט צום ערש־טען מאָל אויף א באָדען, מאכט דעם באָדען פּרוקטבאַרער און ברייגנגט מעהר תבואה, ווי דער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אַנגעווענדעט שוין א צווייטען מאָל אויפ'ן אויסבעסערען דעם באָדען.

די אויסבעסערונג, וואָס קומט פאַר צוליעב דעם צווייטען אריינגעבערעקעלטען קאַפּיטאַל, קען ניט אויף אזוי פיעל פערמעהרען די מאָס תבואה, וויפיעל מען וואָלט בעקומען פון א נייעם באָדען ביי דער אַנווענדונג פון דעמזעלביגען קאַפּי־טאַל. און וויבאַלד, אז יעדער ניי־אַנגעלייגטער קאַפּיטאַל גיט אלץ א קלענערע מאָס תבואה, קומט דאָך אויס, אז די ערשטע קאַפּיטאַ־לען, ד. ה. וואָס פריהער די קאַפּיטאַלען זיינען פערווענדעט געוואָ־רען אויף דעם זעלביגען באָדען, זיינען אין פערגלייך מיט די שפּע־טערדיגע קאַפּיטאַלען פּרוכטבאַרער. דיזער אונטער־שייד, דער דיפערענץ צווישען די מאָ־סען תבואה, אויף וויפיעל יעדער שפּע־טער אנגעלעגטער קאַפּיטאַל גיט וויי־ניגער פאַר די פריהער אַנגעלעגטע — הייסט רענטע.

דער צולעצט אריינגעבערעקעלטער קאַפּיטאַל גיט בלויז דעם געוועהנליכען ריוח, אָבער רענטע גאָר ניט. די פון פריהער אריינ־

נעברעקעלטע קאַפּיטאַלען גיבען שוין אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע רענטע.

די רענטע קומט אָן, פערשטעהט זיך, דעם אייגענטימער פון דעם לאַנד.

ווען אַן ארענדאַטאָר, אַנווענדענדיג אַ קאַפּיטאַל פון 1,000 דאָלאַר, בעקומט ענדע יאָהר אַ ריוח, למשל, 100 פוד תבואה (דער ווערט דערפון, לאָמיר אָננעהמען, וועט זיין 100 דאָלער) און ביים אָנלייגען אין זעלבען באָדען נאָך 1000 דאָלער, וועט ער שוין דאָס צווייטע מאָל (לויט דעם געזעץ, יעדער שפּעטערדיגער אָנגעווענדע־טער קאַפּיטאַל גיט אַלץ אַ קלענערע מאָס תבואה) בעקומען אַ ריוח נאָר פון 85 פוד תבואה, טאָ וועט שוין די 15 פוד תבואה — דער אונטערשייד פון דיביידע רוחים — בילדען אַ רענטע, וואָס וועט סוף כל סוף אָנקומען דעם בעל נחלה און ניט דעם ארענדאַטאָר. ווען דער ארענדאַטאָר וועט אַ צווייטעס מאָל מאַכען אַ קאָנטראַקט, וועט דער גרונדבעזיצער שוין אויסמאַרקירען, דאָס ער, דער ארענ־דאַטאָר, זאָל פאַר יעדע 1000 דאָלער בעקומען אַ ריוח בלויז פון 85 דאָלער — דעם געוועהנליכען פּראָצענט ריוח, ווי פיעל יעדער אונטערנעהמער קריגט. אין אונזער געזעלשאַפט, ווי מיר ווייסען, קענען ניט זיין קיין פערשיעדענע רוחים אויף גלייכע קאַפּיטאַלען. עס איז אונמעגליך, אַז אין איין פאַל, אַ שטייגער, זאָל אַ קאַפּיטאַל פון 1000 דאָלער ברייגנען 100 דאָלער ריוח און אין אַ צווייטען פאַל — 85 דאָלער ריוח. אַ כלל איז, אַז גלייכע קאַפּיטאַלען גיבען גלייכע רוחים ביי אַנדערע גלייכע בעדינגונגען.*) דער דורכשניט־ליכער ריוח פון יעדע 1000 דאָלער וועט זיין 85 דאָלער יעהרליך. אויב דער דורכשניטליכער ריוח פון 1000 דאָלער זאָל זיין 100 דאָ־לער אַ יאָהר, וואָלט דאָך דעם ארענדאַטאָר ניט לוינען אריינצו־ברעקלען די צווייטע טויזענד דאָלאַר. אנשטאָט צו פערווענדען די צווייטע 1000 דאָלער אין אַ פאַרם און צו בעקומען בלויז 85 דאָ־לער ריוח, וואָלט דער ארענדאַטאָר בעסער אריינגעברעקעלט די 1000 דאָלער אין וועלכען עס איז ניט אַנדער געשעפט. דאָרטען וואָלט ער דאָך ביי געוועהנליכע בעדינגונגען געקראָגען דעם גע־וועהנליכען ריוח 100 דאָלער. ווען דער ארענדאַטאָר טהוט דאָס יאָ, איז אַ סימן, אַז אויך אַן אַנדער אונטערנעהמונג וואָלט ניט געגעבען מעהר ווי 85 דאָלער אַ יאָהר ריוח אויף יעדע טויזענד

*) זעה ענדע 12טע לעקציע.—א. ש. ז.

דאָלער. דער אייגענטימער פון דער ערד ווייסט דאָס גאנץ גוט און ער וועט שוין דעריבער זעהן, אז דער אַרענדאַטאָר זאָל פאַר זיין גאנצען קאַפּיטאַל ניט קריגען פון דער פאַרם מעהר ווי צו 85 דאָלער ריוח אויף יעדע טויזענד דאָלער. די פאַרם גיט אָבער אויף דעם צוערשט אריינגעברעקעלטען קאַפּיטאַל מעהר ווי 85 דאָלער אויף יעדע טויזענד דאָלער. אָט דאָס נעהמט צו דער לענדלאָרד אלס רענטע. *)

מיר זעהען, אז דער לעצטער קלאַס באָדענס בנוגע דער פּרוכטבאַרקייט, וואָס ווערט בעאַרבייט און די צולעצט אָנגעווענדעטע קאַפּיטאַל און אַרבייט, גיבען ניט קיין רענטע. רענטע איז בלויז פאַראַן דאָן, ווען אונטער'ן אַקער ליגען באָדענס מיט פערשידענער ניט גלייכער פּרוכטבאַרקייט, אָדער מיט א רייה, איינס שפּעטער פאַר דאָס אנדערע, אָנגעווענדעטע קאַפּיטאַלען. די בעפעלקערונג ווערט אַלץ גרעסער. עס ווערט א דוחק אין תבואה. מען מוז אָנפאַנגען צו בעאַרבייטען אַלץ ווייניגער פּרוכטבאַרע באָדענס אָדער אין דעם זעלבען באָדען אריינברעקלען אַלץ נייע קאַפּיטאַלען און די רענטע מוז ממילא שטייגען.

די רענטע שטייגט, ווייל עס ווערט טייערער תבואה, אָבער ניט אומגעקעהרט. די רענטע פון זיך אַליין קען זיך ניט פערגרעסערן. די גרויס פון רענטע איז אָבהענגיג פון דעם מקח אויף תבואה. ווען דער מקח אויף תבואה שטייגט, פערגרעסערט זיך די רענטע. דער מקח פון תבואה, ווידער, שטייגט, ווייל מען מוז אָנווענדען אויף איהר פּראָדוקציע אַלץ א גרעסערע מאָס אַרבייט, ווייל צוליעב דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג מוז מען בעאַרבייטען אַלץ ווייניגער פּרוכטבאַרע באָדענס. אויב די בעפעלקערונג זאָל

---

*) ריקאַרדאָ'ס געזעץ איז ניט נאָר בנוגע א שפּעטערדיגער איינוועסטמענט פון קאַפּיטאַל, נאָר אויך בנוגע אַרבייט. עס קען אַזוי פאָרמולירט ווערען: יעדע ווייטערדיגע אָנווענדונג פון אַרבייטס־קראַפט ברענגט אַלץ אַ קלענערען פּראָפיט.

ווען 10 אַרבייטער, למשל, ברייגגען פּראָפיט פון 100, וועלען 20 אַרבייטער ברייגגען אַ פּראָפיט פון 180 (די צווייטע 10 אַרבייטער ברייגגען ניט 100 נאָר 80) און 30 אַרבייטער וועלען נאָר ברייגגען אַ פּראָפיט פון 240 (ד"ה די דריטע 10 אַרבייטער ברייגגען שוין גיט 80 נאָר 60).

ביים איבערגאַנג פון אַן עקסטענסיווער ווירטשאַפט צו אַן אינטענסיווער — ד"ה אַ ווירטשאַפט, וואו עס ווערט אויף דעמזעלביגען שטח לאַנד פערווענדעט מעהר אַרבייט און קאַפּיטאַל, שטייגט די רענטע.

זיך ניט נויטיגען אין גייע לעבענסמיטלען און ניט אָנפאַנגען צו קריגען אַלץ אַ קלענערע מאָס תבואה פאַר דיזעלבע מאָס ארבייט און קאַפּיטאַל, ד. ה., אויב מען זאָל ניט צוטרעטען צו בעאַרבייטען אַלץ ווייניגער פּרוכטבאַרע באָדענס, וואָלט קיין רענטע ניט זיין.

ווען די לענדלאָרדס ווילען די רענטע זאָל שטייגען, ווענדען זיי אָן פערשיידענע מיטלען, דער מקח פון תבואה זאָל שטייגען. אין דייטשלאַנד קעמפּפען די גוטסבעזיצער, די רייכע אייגענטימער פון די פאַרמס, מען זאָל ארויפליינען גרויסע אָבצאָהלונגען אויף די אויסלענדישע תבואות. תבואות אין לאַנד ווערען דורך דעם וויינינער, און אום צו דעקען די בעדערפנים אין אָט די נויטיגע לעבענס־מיטלען, מוז מען אָנפאַנגען צו בעאַרבייטען ערגערע באָדענס און די דיפערענציירטע רענטע וועט שטייגען.

דער פרייז פון תבואה איז אָבער קיין מאָל ניט אָבהענגיג פון דער רענטע. אויב די גרויסע פאַרמערס וואָלטען אפילו קיין רענטע ניט געקראָגען, וואָלט דער פרייז פון די פאַרם פּראָדוקטען אפילו אויף אַ האָר ניט פאַלען. די מאָס ארבייט און קאַפּיטאַל, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירען די לעבענסמיטעל אויפ'ן ערגסטען באָדען, וועט דורך דעם ניט ווערען וויינינער.

אין אַ גרויסען יקרות דאַרף מען וויינינער ווי אַלעמען בעשולדיגען די פאַרמערס. שולדיג אין דעם זיינען די יעניגע, וועלכע זעהן, עס זאָל זיין וויינינער לעבענסמיטעל פּראָדוקטען אין לאַנד. עס איז אמת, אַז די פאַרמערס פּראָפיטירען דערפון ניט וויינינ, אָבער זיי קריגען זייער פּראָפיט דורך די ספּעקולאַציעס פון אַנדערע.

צום סוף ווילען מיר ציהען די אויפמערקזאַמקייט איבער דעם משונה'דיגען כאַראַקטער פון רענטע.

אַ גרויסע רענטע איז ניט אַ סימן, אַז די געזעלשאַפט איז גוט אין מעמד. דוקא פערקעהרט — וואָס שווערער די געזעלשאַפט ארבייט, וואָס מעהר שוויים זי פערוועגדעט אויף חיונה, אַלץ גרעסער איז די רענטע. און פערקעהרט. ווען די געזעלשאַפט בעקומט לייכט איהר חיונה, מיט וויינינ מאַטערנים, ווען זי בעאַרבייט בלויז די פּרוכטבאַרע באָדענס פון ערשטען זאָרט — האָבען די לענדלאָרדס ניט קיין הכנסה און וואָלטען מוזען, במחילה, אַליין, בכבודם ובעצמם, האָרעווען אויף חיונה. רענטע איז פאַראַן ניט דעריבער, ווייל דער באָדען איז בכלל פּרוכטבאַר און רייך, נאָר דעריבער, ווייל ער איז אויך ניט אַזוי פּרוכטבאַר. אויב דער באָדען גיט יאָ רענטע און די לופט און ליכט גיבען ניט קיין רענטע

איז דאָס ניט אַ מעלה פון באָדען, אַ סימן פון זיינע בעסערע איי־גענאַשאַפטען, נאָר אַ בעוויז, אַז דער באָדען האָט ערגערע אייגענשאַפטען פון לופט, ליכט און וואַסער. דאָס איז אַ חסרון פון באָדען. דאָס בעווייזט אונז, אַז די לופט און ליכט זיינען אומעטום גוט, פרוכטבאַר און זיינען דאָ בשפע, בעת דער באָדען איז ערטערווייז ערגער און גאַנץ בעשרענקט. וואָלט די ליכט, די לופט, דאָס וואַסער אויך געהאַט די שלעכטע אייגענ־שאַפטען, די חסרונות, וואָלטען זיי אויך געווען אַ קוואַל פאַר רענטע.

---

רענטע קריגט מען ניט בלויז דורך דעם, וואָס די פרוכטבאַר־קייט, איז פערשידען, נאָר אויך דורך דעם, וואָס די לאַגע פון באָדען איז פערשידען.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז יענע פאַרמס, וועלכע ליגען נאָהענט צו די מערק, צו די גרויסע צענטערס בריינגען פאַר די זעל־בע אַרבייט און קאַפּיטאַל אַ סך מעהר תבואות, ווי יענע, וועלכע ליגען ווייט פון די מערק. אין די ווייטע פערליגענע פאַרמס קאָסט דאָך אַ סך אַרבייט און קאַפּיטאַל ביז וואַנעט מען שטעלט צו די פאַרטיגע תבואות צום מאַרק. ווען די פאַרמס, וועלכע האָבען ניט נאָהענטע מערק אַרום זיך, דעקען די הוצאות, טאָ גיבען מסתמא די מעהר נעהנטערע פאַרמס אַן איבערפלוס — אַ רענטע.

עס איז איבעריג צו דערמאָנען, אַז אַלץ וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט בנוגע לאַנדווירטשאַפט פּאַסט זיך אויך בנוגע בערגבוי וכדומה.

## זעכצעהנטע לעקציע

# די מעטאָדען אין דער וויסענשאַפט בכלל און אין פאָליטישער עקאָנאָמיע בפרט.

די מדות, ווי אזוי די תורה ווערט געןדרשנ'ט; צוויי וועגען צו דער־גרייכען אַ וויסענשאַפטליכען אמת; פרט וכלל, אינדוקציע, כלל ופרט, דעדוקציע; די פערשידענע ווירקענדע קרעפטען פון אַ געזעלשאַפטלי־בער ערשיינונג; די אינדוקטיווע מעטאָדע איז פערבונדען מיט'ן אָרט און מיט דער צייט, די דעדוקטיווע מעטאָדע — ניט; געזעצען אין דער נאַ־טור און אין דער געזעלשאַפט; די דעדוקטיווע מעטאָדע ביי דוד רי־קאַרדאָ און די אַנדערע קלאַסיקער; עגאָאיזם און פרייע קאָנקורענץ אַלס די אויסגאַנגס פונקטען פאַר ריקאַרדאָ'ס טעאָריען; דער בעסטער מי־טעל ווי צו קומען צו אַ וויסענשאַפטליכען אמת; אַ פערזוך צו ער־קלעהרען ריקאַרדאָ'ס געזעץ מיט דעם „מינימום געזעץ“ פון ליביך; דער נאַטור־פאַקטאָר אין דער אינדוסטרי, און אין לאַנדווירטשאַפט; די אורזאַך פאַר וואָס די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל שפּילט אין דער אינדוסטרי אַ גרעסערע ראָליע, ווי אין אַגריקולטור.

---

קינדהווייז, אין חדר, האָבען מיר געהאַט אויסצושטעהן ניט ווייניג צרות פון רבין, איבער די מדות, ווי אזוי די תורה ווערט גערדרשה'נט. אונזערע קינדערשע מחות זיינען נאָך ניט געווען רייף גענוג צו פערשטעהן אַזעלכע הארבע ענינים, ווי היקש, גזירה שוה, כלל ופרט, פרט וכלל א. אז. וו. מיר פלעגען אפילו רבי ישמאל'ם דרייצעהן מדות איבער'חזר'ן יעדען טאָג אין דאַווענען, אָבער מיר מוזען מודה זיין, אז מיר האָבען זיי ווייניג וואָס פערשטאַנען. שפּעטער, אין די יאָהרען פון „שטורם און דראַנג“, ווען מען האָט בעטראַכט די אידישע למודים אלס א מניעה צום אַלוועלטליכען פּראָגרעס, האָט מען איבערהויפּט חוזק געמאַכט פון רבי ישמאל'ן און זיינע מדות.

אין אמת'ן שטויסט זיך יעדער וויסענשאַפטליך דענקענדער מענש גאַנץ אָפט אָן אויף די מדות פון דער תורה, אָדער, ווי די מאָדערנע געלעהרנטע רופען עס אָן, די מעטאָדען פון דער וויסענ־שאַפט.

איבער אַ פּאָר פון רבי ישמאל'ם מעטאָדען דיסקוטירט מען ניט ווייניג צווישען די געלעהרטע. אין דער פאָליטישער עקאָנאָ־

מיע שפּיעלען זיי אַ גרויסע ראָליע און מיר האַלטען, אַז עס וועט דוקא איצט, בשעת מיר לערנען ריקאַרדאָ'ס רענטע טעאָריע, זיין די צייט, ווען מיר זאָלען זיך אויף די מעטאָדען, אָדער די מדות, אָבשטעלען אויספיהרליכער.

אויף צווייערליי וועגען קען מען דערגרייכען אַ וויסענשאַפט־ליבען אמת. מען קען צוטרעטען צו געוויסע ערשיינונגען אָדער פּאַסירונגען אָהן אַ פּאַרטיגען געדאַנק, אָהן אַן אויסגעאַרבייטע טעאָריע, און אָביעקטיוו בעטראַכטען די איינצעלהייטען, די פּרטים פון די ערשיינונגען. און ווען מען האָט שוין צונויפגעקליבען און סאָרטירט די פּרטים, פיהרט מען ארויס אַ כּלל, אַן אַלגעמיינע טעאָריע. דאָס איז דער דרך פון פּרט וכלל, אָדער די אַ י נ ד ו ק־ט י ו ו ע מעטאָדע פון פאָרשען.

מען קען אויך פריהער אויפבויען אַ טעאָריע אין מח, דורך שכל'דיגע סברות און השערות דערגעהן ביז אַ געוויסע הנחה און ווען אָט די הנחה איז אויסגעאַרבייט, הויבט מען לויט איהר אָן צו בעטראַכטען די ערשיינונגען און פּאַסירונגען, וואָס מען וויל אויספאָרשען. דאָ האָט מען פריהער דעם כּלל און דערנאָך דעם פּרט. אין דער וויסענשאַפט איז דיזער דרך פון פאָרשען בעוואוסט אונטערן נאָמען: די ד ע ד ו ק ט י ו ו ע מעטאָדע.

אום, אַ שטייגער, צו פערשטעהן דעם עצם פון געלד, זיין אויפ־גאַבע אין אונזער לעבען, קענען מיר דאָס טהאָן אויף צווייערליי אופנים. מיר קענען זיך גאַנץ גענוי צוקוקען צו די מסחרים, וואָס ווערען דורכגעפיהרט אין היינטיגע צייטען, ווי אַזוי מען האָט געהאַנדעלט אמאָל, וועלכע אַרטיקלען עס האָבען געדינט אלס געלד א. אז. וו. פון די אַלע קאַלטע, ניט אייגגענומענע בעטראַכטונגען קען מען קומען צו אַן אַלגעמיינעם שלום איבער דעם צוועק פון געלד, זיין נוצען און בעדייטונג.

עס איז אויך מעגליך, מיר זאָלען אַפריהער זיך אין מוח אויס־קלעהרען וואָס עס איז אַזוינס געלד, אויסאַרבייטען אַ געוויסע השערה און דערנאָך אָנפאַנגען צו בעטראַכטען די ערשיינונגען, נעהמענדיג אַלס אויסגאַנגס־פּונקט אָט די אויפגעשטעלטע השערה.

עס פערשטעהט זיך, אַז ביי דער אָנווענדונג פון דער אינדוק־טיווער מעטאָדע דאַרף מען גוט פערשטעהן, ווי אַזוי צו קלייבען די פאַקטען און די פּאַסירונגען, ווי זיי צו זאָרטירען און ווי צוציהען געוויסע שלוסען. און פאַרקעהרט, ביי דער אָנווענדונג פון דער דעדוקטיווער מעטאָדע דאַרף מען אויך פריהער האָבען אין זינען

געוויסע פאַקטען און בעאָבאַכטונגען. אַלע אַבסטראַקציעס זיינען געבויט אויף דער ווירקליכקייט. אונזערע געדאַנקען זיינען ניט אַנדערש ווי אַ רעזולטאַט פון די איינדרוקען, וואָס מיר קריגען פון דער אויסערליכער וועלט. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד, צו די טרוקענע פאַקטען אָדער פּאַסירונגען בילדען דעם יסוד פון אַ געוויסער טעאָריע, אָדער די השערות פון פאָרשער.

אינדוקציע איז מעהר געבויט אויף בקיאת.

דעדוקציע איז מעהר געבויט אויף חריפות.

אַן ארכיטעקטאָר קען מאַכען אַ פּלאַן פאַר אַ הויז אויף צוויי־ערליי אופנים. ער קען מאַכען דעם פּלאַן נאָך דעם, ווי ער וועט גוט בעטראַכטען די ציגעל, די שטיינער, די האָלץ און דאָס גאַנ־צע אַנדערע מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אין זיין רשות און אָט אין הסכם מיט דעם מאַטעריאַל מאַכען דעם פּלאַן פון הויז.

ער קען ווידער פריהער זיך אויסאַרבייטען אַ פּלאַן, ווי דאָס הויז דאַרף על פי שכל זיין געבויט און דערנאָך אונטערזוכט ער דאָס מאַטעריאַל. אויב דאָס מאַטעריאַל וועט זיך ניט פּאַסען פאַר זיין פּלאַן און ער וועט עס ניט קענען דורכפיהרען, הייסט נאָך ניט, אַז ער האָט שלעכט דעם פּלאַן געמאַכט. עס וועט נאָר היי־סען, אַז אונטער אָט די אומשטענדען, ביי א ז ו י נ ע און א ז ו י נ ע שטיינער און ציגעל איז דער פּלאַן ניט דורכפיהרבאַר.

ביי דער אינדוקטיווער מאָדע, דאָס אַרויספיהרען דעם כלל אויף דעם סמך פון פּרטים, מוז דער כלל זיין אין פולען הסכם מיט די פּרטים, ער טאָר די פּרטים ניט סותר זיין (פרט וכלל אין בכלל אלא מה שבפרט).

ביי דער דעדוקטיווער מעטאָדע איז דאָס לאו דוקא. דער כלל דאַרף דאָ ניט זיין אין הסכם מיט אַלע פּרטים, ער איז נור דער תמצית, דער אַבסטראַקט פון די פּרטים אין אַלגעמיין. יעדער פּרט בעז־זונדער דאַרף ניט אין אַלע פונקטען זיין ווערליג דער כלל פער־לאַנגט. יעדער פּרט קומט פאַר אונטער אַנדערע בעדינגונגען, אָבער דער כלל אַלס אַזעלכער רעכענט זיך בלויז מיט דעם, וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פּרטים.

אַ געזעלשאַפטליכע ערשיינונג איז אַ רעזולטאַט פון פיעל פערשידענאַרטיגע סבות און אורזאַכען, וועלכע ווירקען ניט אַלע מאָל צוזאַמען אין א י י ן ריכטונג. די ווירקענדע קרעפטען, וועלכע בעשאַפען אַ געוויסע ערשיינונג, שטויסען זיך אָפטמאָל צוזאַמען, זיינען זיך סותר און שטערען איינע דער אַנדערער. אַנ־

דערע מאָל, פערקעהרט, האלט איין אורזאכע אונטער די צווייטע אוןביידע אורזאכען ווערען אויף דעם אופן ווירקזאמער, העפטי־גער. טיילמאָל איז איין אורזאך אָדער קראַפט גובר די צווייטע, שטופּט איהר אָב און רופט אליין ארויס א געוויסע ערשיינונג. עס טרעפט אויך, אז איין קראַפט ווערט אָבגעשוואכט דורך א צוויי־טער קראַפט אָדער ביידע קרעפטען ווערען פערניכטעט און פערלי־רען זייער ווירקונג. יעדע פּאַסירונג איז א פּועל יוצא פון פער־שידענע בעדינגונגען, וועלכע פלעכטען און פלאָנטערן זיך צו־זאמען.

דער וואָס ווענדעט אָן די אינדוקטיווע מעטאָדע, וועט אָט די אלע בעדינגונגען גוט שטודירען און די שלוסען, צו וועלכע ער וועט קומען, וועלען זיין געגרינדעט אויף די בעדינגונגען, וועלכע ער האָט דאָ אויסגעפאָרשט. ער וועט שטענדיג צו זיין כלל צו־לייגען די ווערטער: אויפ'ן סמך פון די און די בעדינגונגען בין איך געקומען צו אזא און אזא כלל. אין אן אנדער צייט, אָדער אין אנאנדער אָרט, אונטער אנדערע בעדינגונגען, וועט ער אויפ־שטעלען אנדערע כללים. די כללים, וועלכע ווערען אויפגעשטעלט דורך דער אינדוקטיווער מעטאָדע, זיינען פערבונדען מיט דעם אָרט און דער צייט.

דער אָנהענגער פון דער דעדוקטיווער מעטאָדע איז ניט פער־בונדען מיט'ן אָרט און מיט דער צייט, ער שטעלט זיך ניט אָב אויף די ספּעציעלע בעדינגונגען, וואו די פּאַסירונג אָדער ערשיי־נונג קומט פאָר. ער גיט אן אבסטראַקטען כלל, וואָס האלט אויס אונטער אלע אומשטענדען אין אלגעמיין, אָבער איז קיין מאָל ניט פּינקטליך אין אלע איינצעלהייטען.

אום דאָס געזעץ, אָדער כלל, זאָל זיין פּינקטליך אויסגעהאל־טען, דארף איך עס האָבען אין אזא אַטמאָספערע, וואו די אלע געגענווירקונגען זאָלען אויסגעמידען ווערען, אזוי ווי עס טהוט דער נאַטור פאָרשער.

אויך די נאַטור געזעצען קומען ניט פאָר אין א ריינעם צו־שטאַנד. יעדעס נאַטורגעזעץ קען האָבען א סך שטערונגען, וועלכע לאָזען איהם ניט ערשיינען אזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין.

לויט דעם גראַוויטאַציאָנס געזעץ*) צ. ב. דאַרפען אלע זאכען — א שטיק אייזען ווי א גענזענפעדער — פאַלען צו דער ערד מיט

*) דאָס געזעץ, אַז אלע קערפּער ווערען צוגעצויגען צו דער ערד.

דער זעלבער געשווינדקייט. פּאַקטיש איז אָבער ניט אזוי. א שטיק אייזען אָדער א שטיק בליי פאַלט געשווינדער אויף דער ערד, ווי א גענזענפעדער, וועלכער ווערט פון ווינד פערטראָגען.

איז דען אָבער דערפון גערדרונגען, אז דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציע איז ניט ריכטיג? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! דאָס געזעץ איז געווים ריכטיג. עס איז נאָר פאַראַן א שטערונג, וואָס לאָזט דעם געזעץ ניט דורכגעפיהרט ווערען אין א ריינער פאָרמע. אין אונזער פאַל שטערט דאָ די לופט. די בעוועגונגען פון דער לופט דערלאָזען ניט, אַלע קערפּער זאָלען מיט א גלייכער געשווינדקייט צוגעצויגען ווערען צו דער ערד.

אויב מיר ווילען, אז יעדעס נאַטור געזעץ זאָל ערשיינען אין זיין ריינער פאָרם, מוזען מיר בעזייטיגען די אַלע מניעות, די אַלע הינדערניסען. אויב מיר ווילען, אַלע קערפּער זאָלען גלייך צוגעצויגען ווערען צו דער ערד, מוזען מיר קודם כל בעזייטיגען די לופט.

ביי געזעלשאַפטליכע געזעצען איז דאָס נאָך מעהר קאָמפּליצירט, מעהר פערוויקעלט. מיר האָבען דאָ צו טהון מיט מענשען און ניט מיט זאַכען. יעדעס געזעץ פון געזעלשאַפטליכען לעבען בעגעגענט מעהר הינדערניסען, מעהר שטערונגען און קען דעריבעה זעלטענער געזעהן ווערען אין א ריינער פאָרם.

די דעדוקטיווע מעטאָדע האָט נאָר איהר אויפגאַבע צו ערקלעהרען, ווי אזוי עס וואָלט דאַרפען זיין, ווען די אָדער יענע ערשיינונג וואָלט פאָרקומען אין אן אטמאָספערע, אונטער אזוינע בעדינגונגען, וואו קיינע שטערונגען זיינען ניט פאַראַן.

דוד ריקאַרדאָ, דער שאַרפזיניגסטער עקאָנאָמיסט פון אַלע צייטען, ווי אַלע זיינע חברים די קלאַסיקער*), איז געקומען צו די עקאָנאָמישע געזעצען אויף א ריין דעדוקטיווען וועג. ער האָט גענומען אלס אן אויסגאַנגס־פּונקט דעם עגאָאיזם פון א מענשען, וועלכער האָט נאָר זיך אין זינען, און אונזער געזעלשאַפט, וואו עס הערשט פרייע קאָנקורענץ, וואו יעדער איינער קען טהון וואָס ער וויל און קען אויסקלייבען די מיטלען פאַר זיין חיונה לויט זיין אייגענעם פערלאַנג. און אָט אויפ'ן עגאָאיזם פון מענשען און

---

*) אַדאַם סמיט, דוד ריקאַרדאָ און מאַלטוס ווערען פאַררעכענט אַלס די קלאַסיקער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

דער פרייער קאָנקורענץ פון דער געזעלשאַפט האָט ער געבויט די געזעצען.

ווי אַזוי קומט דוד ריקאַרדאָ צו דער טעאָריע, אַז דער ווערטה פון יעדען פּראָדוקט ווערט אויסגעמאָסטען מיט דער אַרבייטס־קראַפט, וואָס איז אין פּראָדוקט פערטהון? אויף אַ ריין דעדוקטיווען אופן. „אויב — ערקלעהרט ריקאַרדאָ — אויב אַ קלייד, לאָמיר זאָגען, וואָס ענטהאַלט אין זיך 20 שעה אַרבייט, וועט אויסגעביטען ווערען אויף אַ פּאָר שיך, וואָס ענטהאַלט אין זיך נאָר 10 שעה אַרבייט, וועט דאָך קיינער ניט וועלען ווערען אַ שניידער. אַלע וועלען בעסער אויסקלייבען שוסטעריי פאַר זייער בעשעפטיגונג. און פערקעהרט, אויב די אַרבייט פון אַ שניידער זאָל ווערען געשאַצט העכער, ווי די אַרבייט פון אַ שוסטער, וועלען אַלע שוסטערם וואַרפען זייער מלאכה און ווערען שניידערס. אום עס זאָל זיין אַ געוויסע גלייכגעוויכט צווישען די פערשידענע בעלי מלאכות, פון איין מלאכה זאָל ניט זיין צופיעל און פון דער צווייטער צו וויניג, האָט זיך פון זיך אליין געמוזט אויסאַרבייטען אַ געוויסער מיטעלוועג. עס האָט פון זיך אליין זיך רעגולירט די צאָהל בעלי מלאכות פון יעדען צווייג.

דורך וועלכע סברות קומט דאָ, בכן, ריקאַרדאָ צו זיין ווערט טעאָריע? דורך דער סברא, אַז יעדער מענש וויל זיך פערלייכטערען זיין לעבען און אַז יעדער מענש קען זיך אויסקלייבען יעדע מלאכה, וועלכע ער וויל נור.

אויף'ן זעלביגען דעדוקטיווען וועג קומט ריקאַרדאָ צו דער טעאָריע פון אַרבייטסלוין (דער אַרבייטס־לוין דאַרף צופרידענשטעלען די נויטווענדיגסטע בעדערפנישען פון אַרבייטערם לעבען). אויב די אַרבייטער זאָלען קריגען וויי־ניגער, וויפיעל זיי דאַרפען האָבען אויף זייער חיונה — בטעם'ט ריקאַרדאָ — וועלען זיי זיין קראַנק, ניט חתונה האָבען, ניט האָבען קיין קינדער און דער פּועל יוצא וועט זיין, אַז די אונטערנעהמער וועלען מיט דער צייט ניט קריגען די נויטיגע אַרבייטס־קראַפט. זאָלען ווידער די אַרבייטער קריגען מעהר וויפיעל זיי דאַרפען אויף זייער חיונה, וועלען זיי צו פריה חתונה האָבען, ברייגנען צופיעל קינדער אויף דער וועלט און דער סוף וועט זיין, אַז די אַרבייטס־קראַפט וועט ווערען זעהר ביליג, מען וועט פאַר איהר צאָהלען אַ סך וויינינגער, וויפיעל עס איז נויטיג דורכצוקומען. מיט דעם זעלבען געדאַנקען גאַנג האָט ער

אויפגעשטעלט דאס געזעץ, אז גלייכע קאפיטאלען גיבען גלייכע פראפיטען.

עס איז דא לייכט צו זעהן, אז די אלע געזעצען קענען נור עקזיסטירען אין א געזעלשאפט, וואו עס זיינען ניטא שטערונ־גען אין׳ם מענשענס האנדלונגען און וואו עס איז נאר פאראן איין מאטיוו אין דעם מענשענ׳ס טעטיגקייט — דער עגאאיסטישער מאטיוו.

מיר ווייסען אבער, אז די ווירקליכקייט איז גאר ניט אזא, ווי ריקארדא שטעלט אונז פאר. אויסער דעם עגאאיזם זיינען נאך פאראן אנדערע מאטיווען אין מענשענ׳ס נשמה. עס הערשען גע־וויסע מנהגים, טראדיציעס, געוויסע זיטען. א מענש קען אמאל זיך אבזאגען פון דער אדער יענער בעשעפטיגונג, אדער מלאכה אויס ריינע עטהישע, עסטעטישע און אנדערע מאטיווען. אויך די פרייע קאנקורענץ ווערט בעשרענקט דורך מאנאפאלען, טראסטען, פריווילעגיעס און עהנליכע שטערונגען. אין עצם גענומען זיינען די געזעצען ריכטיג, זיי האלטען בכלל אויס. אין יעדען בעזונדערן פרט אבער איז פאראן א געוויסע מניעה, וואס לאזט ניט דעם געזעץ דורכגעפיהרט צו ווערען אין דער ריינער פארם.

די פערטרעטער פון דער אינדוקטיווער מעטאדע נעהמען אין אכט ניט נאר דעם עגאאיזם אונדי פרייע קאנקורענץ. נאר די אלע אנדערע נייגונגען אין דעם מענשליכען לעבען. זיי ווילען א חוץ די פרייע קאנקורענץ אויך נעהמען אין אנבעטראכט די געוואהנ־הייטען, די נייגונגען פון די מענשען צו דער אדער יענער ארבייט, די פאמיליען אנגעלעגענהייטען, דעם יחוס, און וועלכען מענשען האלטען זיך א. אז. וו., א. אז. וו.

דער בעסטער מיטעל ווי צו עררייכען א וויסענשאפטליכען אמת איז זיך צו בענוצען מיטביידע מעטאדעס, מיט דעדוקציע און אינדוקציע.

בולט׳ער ווי אומעטום זעהט זיך ביי ריקארדא׳ן ארויס די דעדוקטיווע מעטאדע פון דענקען אין דעם געזעץ: דער ניי אריינ־געבראכטער קאפיטאל קען ניט ברייגגען אזא גרויסען פראצענט ריווח, ווי דער קאפיטאל, וואס איז אנגעווענדעט געווארען פריהער אויף דעמזעלביגען פארם. ריקארדא בעגרינדעט דאס געזעץ, ווי מיר האבען געזעהן אין פארינגען קאפיטעל, מיט דעם דאזיגען חריפות׳ן געדאנק: אויב דער צווייטער קאפיטאל זאל קענען בריינ־גען אזא פראפיט ווי דער ערשטער, וואלט מען דאך קיין מאל ניט

דאַרפען פערגרעסערען דעם שטח לאַנד. אנשטאַט צו פערגרע־סערען די שטיק לאַנד, וואָס ליגט אונטער'ן אַקער, וואָלט מען דעמ־זעלביגען קאַפּיטאַל, וואָס מען בעדאַרף אריינגעבען אויף דעם נייעם באָדען, בעסער אריינגעגעבען אין דעם פריהערדיגען באָדען.

דער געדאַנק איז אויסערגעוועהנליך שעהן, חרופות'דיג, אָבער ער איז ניט מעהר ווי אַ שאַרפזיניגער איינפאַל, וואָס דאַרף נאָך בעפעסטיגט ווערען מיט פאַקטען פון עקאָנאָמישען לעבען.

מיר פון אונזער זייט קענען ריקאַרדאָ'ס כלל ערקלעהרען מיט אַ נאַטור געזעץ, וואָס דער בעריהמטער אַגריקולטור כעמיקער יוסטוס פאָן ליביך האָט אויפגעשטעלט.

דאָס געזעץ איז בעוואוסט אונטערן נאָמען: דאָס מינימום געזעץ פון ליביך.

יעדע פלאַנץ, אויב זי זאָל קענען לעבען, מוז האָבען אלס איהר נאַהרונג אַ געוויסע צאָהל כעמישע עלעמענטען: קוילען־שטאָף, זויער־שטאָף, וואַסער־שטאָף, שטיק־שטאָף, פאָספאָר, שוועבעל, קאַלי, קאַלך, אייזען און מאַגנעזיום. דערצו זיינען פאַראַן נאָך אַ פּאָר עלעמענטען, וועלכע שפּיעלען אַ קלענערע ראָלע אין'ם עקזיס־טענץ פון דער פלאַנץ.

אָט די אַלע אויסגערעכענטע עלעמענטען זיינען דורכאויס נויטיג. אויב עס פעהלט אפילו נאָר איין עלעמענט, מעגען די איבעריגע עלעמענטען זיין אין זעהר אַ גרויסער מאָס, קען די פלאַנץ ניט לעבען. ווען עס פעהלט, לאָמיר אָננעהמען, פאָספאָר אָדער קאַלי מוז דער פלאַנצליכער אָרגאַניזם געהן צו גרונד, אפילו ווען זויער־שטאָף, שטיק־שטאָף, קוילען־שטאָף און אַלע אַנדערע עלע־מענטען זיינען פאַראַן אַ סך מעהר, וויפיעל זיי זיינען נויטיג. איין עלעמענט קען ניט פערבייטען אַ צווייטען עלעמענט. און ניט נאָר, ווען דער עלעמענט פעהלט אין גאַנצען. אויב ער איז אפילו נאָר פאַראַן אין אַ ניטגעניגענדער מאָס, קען אויך די פלאַנץ זיך ניט ענטוויקלען.

„די גרויס פון דעם שניט — האָט ליביך אויפגעשטעלט אַ געזעץ — היינגט ניט אָב פון די עלעמענטען, וועלכע זיינען דאָ אין מאַקסימום, נאָר פון די עלעמענטען, וועלכע זיינען פאַראַן אין מינימום". דער עלעמענט, וועלכער איז פאַראַן אין דעם באָ־דען, וואו די פלאַנץ זיצט, ווייניגער ווי אַלע אַנדערע עלעמענטען, ער בעשטימט דאָס וואַקסען פון דער פלאַנץ.

אָט דאָס ראָזיגע געזעץ קען אויך אָנגעווענדעט ווערען בנוגע דער פּראָדוקציע.

ווי מיר ווייסען, נעהמען אין יעדער פּראָדוקציע אנטייל דריי פאקטאָרען: נאַטור, ארבייט און קאפּיטאל. מען מוז, ערשטענס, האָבען נאַטירליכע קרעפטען און מתנות, ווי דער באָדען, לופט, ליכט, וואסער, ווינטען א. א. וו. מען מוז, צווייטענס, האָבען מענשליכע ארבייטס־קראפט, און, דריטענס, מוזען זיין אינסטרומענטען, מאַשינעס און אויך מזומנה געלד. פעהלט עס איינער פון די דריי פאקטאָרען, ווען עס איז, למשל, ניטאָ קיין ארבייטס־קראפט, מעג די נאַטור זיין זעהר רייך, מעגען אויך זיין גרויסע קאפּיטאלען — וועט גאָר ניט ארויסקומען. דאָס גלייכען, ווען די נאַטור איז זעהר אָרעם. ביי אן אָרעמער נאַטור איז אונמעגליך א גרויסע בליהענדע פּראָדוקציע, אפילו ווען עס איז פאראַן א סך ארבייטס־קראפט און גענוג קאפּיטאל.

יעדע פּראָדוקציע מוז האָבען א קאָמבינאציע פון אַלע דריי פאקטאָרען. ווען די נאַטור איז זעהר אָרעם און איז דער מינימום פאקטאָר, וועט דער ערפאָלג פון דער פּראָדוקציע זיין אָבהענגיג פון דער נאַטור. ווען ארבייטס־קראפט איז פאראַן ווייניג אין פערהעלטנים צו נאַטור און קאפּיטאל, וועט זי, די ארבייטס־קראפט, בעשטימען דעם ערפאָלג פון דער פּראָדוקציע.

אז מען טהוט אריין א קאפּיטאל אין א קרקע בתולה, אין א יונג־פרויבאָרען, וואו די נאַטור־קרעפטען זיינען נאָך ניט אויסגעשעפּט, וועט די פרוכטבארקייט פון שניט זיין מעהר אָבהענגיג פון די אנדערע פאקטאָרען, פון ארבייט און קאפּיטאל, ווי פון דעם נאַטור־פאקטאָר, ווייל די נאַטור איז אין אזא פאל ניט דער מינימום־פאקטאָר. ווען מען מאכט אָבער שוין א צווייטע אינוועסטמענט, ווען מען גיט אריין וואָס ווייטער אַלץ נייע קאפּיטאלען, ווערט דאָך די נאַטור אויסגעשעפּט, אָרעמער און ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר דער מינימום פאקטאָר. עס מוז קומען א צייט — ווען די נאַטור איז שוין אין גאַנצען אויסגענוצט, — אז וויפיעל קאפּיטאל און ארבייט מען זאָל ניט אריינטהאָן, וועט די הכנסה זיך ניט פערגרעסערען, ווייל, ווי געזאָגט, די פּראָדוקציע איז אָבהענגיג פון דער קאָמבינאציע פון אַלע דריי פאקטאָרען. וואָס מעהר דער באָדען אלס א נאַטור־פאקטאָר ווערט אויסגענוצט, אַלץ מעהר מוז ער ווערען דער מינימום־פאקטאָר און אַלץ ווייניגער ריוח קענען ברייגגען די אַלץ מעהר נייע אריינגעברעקעלטע קאפּיטאלען.

ניט בלויז דער אריינגעבראַכטער קאַפּיטאַל בעשטימט די פּראָדוקט־באַרקייט פון דער פאַרם־פּראָדוקציע, נור אויך די נאַטור, דער באָדען.

דערמיט ערקלערט זיך אויך, וואָס די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל איז אין אגריקולטור ניט אזוי מעגליך, ווי אין אינדוסטריע.

אין אגריקולטור שפּילט דער באָדען (די נאַטור) א גרעסערע ראָליע, ווי אין אינדוסטריע. די נאַטור איז אין די מעהרסטע פאַלען דער מינימום פאַקטאָר. אין דער אינדוסטריע, וואו דער עיקר איז ארבייט און קאַפּיטאַל, איז די נאַטור ניט אזוי וויכטיג, זי קען קיין מאָל ניט זיין דער מינימום פאַקטאָר. דער מינימום פאַקטאָר איז ארבייט אָדער קאַפּיטאַל. דאָס צוגעבען פון ארבייט און קאַפּיטאַל קען דעריבער פערגרעסערען דעם פּראָפיט. אין לאַנד־ווירטשאַפט איז דער מינימום פאַקטאָר גאַנץ אָפט די נאַטור און דער צוגאָב פון ארבייט און קאַפּיטאַל קען דעם שניט ניט פערגרעסערען, סיי־דען די נאַטור פאַקטאָרען הערען אויף צו זיין אין מינימום.

## זיעבצעהנטע לעקציע

# דיפערענצירטע און אַבסאָלוטע רענטע.

ריקאַרדאָ'ס אויפטהו בנוגע דער רענטע טעאָריע; די אונצופרידענקייט פון די לענדלאָרד'ס מיט ריקאַרדאָ'ס טעאָריע; שעפּפלע'ס אַרגומענט קעגען ריקאַרדאָ'ס טעאָריע; שעפּפלע'ס טעות; דער אונטערשייד צווישען האָנאָראר פון אַ פּראָפעסיאָנעלען מענשען און רענטע; דער אונטערשייד צווישען די סחורות, וואָס ווערען פּראָדוצירט אויפ'ן לאַנד און אַנדערע פּראָדוקטען; די אַרגומענטען פון ראָדבערטוס יאגעצאָוו און קערי; דער עצם פון דער טעאָריע און די סברות, וועלכע פיהרען צו איהר; מאַרקס'עס הסכמה צו דעם עצם פון דער טעאָריע; אַבסאָלוטע רענטע; דער גרויסער אונטערשייד צווישען דיפערענצירטע רענטע און אבסאָלוטע רענטע בנוגע דעם פּרייז פון תבואות.

ריקאַרדאָ'ס רענטע טעאָריע איז איינע פון די טייערסטע פּערל אין דעם קרוין פון דער וויסענשאַפט. דורך דער דאָזיגער טעאָריע איז געוואָרען אויפגעקניפּט דער פּלאָנטער, דער פערדרעהטער מעכאַניזם פון די אופנים, ווי אזוי די הכנסה פון דער געזעלשאַפט ווערט צוטיילט צווישען די פערשידענע קלאַסען.

איינציגע געדאַנקען זיינען שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען ביז ריקאַרדאָ. ריקאַרדאָ האָט אָבער די דאָזיגע געדאַנקען סיסטעמאַטיזירט, אויסגעקליבען די געזונדע פון די ניט געזונדע און פעראַרבייט אין איין אַלגעמיינע איינהייטליכע לאָגישע סיסטעם, דורך וועלכען עס ווערען מערקווירדיג גוט בעלויכטען און ערקלערט פערוויקעלטע ערשיינונגען אין דער באַלעבאַטישקייט פון פאָלק.

דער הויפּט סקעלעט פון'ם גאַנצען ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם איז געוואָרען דורך ריקאַרדאָ קלאָר אויסגעפאָרשט און אַנאַטאָמיש פערנאַנדערגעגלידערט. די שפּעטערדיגע געלעהרטע איז נור אויסגעקומען אויספיהרליכער זיך אָבצושטעלען אויף איינציגע בעזונדערע אָרגאַנען, וואו ניט וואו מאַכען אַ הגהה, אָנווייזען אויף אַ טעות, אָבער אין גרויסען און גאַנצען איז ריקאַרדאָ'ס טעאָריע ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען.

פערשידענע עקאָנאָמיסטען, איבערהויפּט די פאָרשטעהער פון די לענדלאָרדס, זיינען געוועהנליך זעהר אונצופרידען מיט ריקאַרדאָ'ס טעאָריע פון דיפערענצירטע רענטע. זיי זיינען אונצופרידען,

ווייל ריקאַרדאָ האָט אויפגעדעקט דעם פאַראזיטישען לעבען פון די לענדלאָרדס. די לענדלאָרדס זיינען, לויט ריקאַרדאָ'ס טעאָריע, דער איינציגער אוכל ואינו עושה'דיגער קלאַס. זיי קריגען זייער הכנסה ניט ווייל זיי טהוען עפּעס, ווייל זיי אונטערנעהמען עפּעס, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס די ערד איז ניט אומעטום גלייך פּרוכטבאַר. זיי האָבען דעריבער פּרובירט אונטערגראָבען די געביידע, וואָס ריקאַרדאָ האָט אויפגעשטעלט און אנשטאָט איהר אויפבויען אנדערע טעאָריעס, וואָס זאָלען פערדעקען, פערטונקלען און פערבאָרגען די אמת'ע קוואלען פון די לענדלאָרד'ס הכנסה. אזוינע טעאָריען זיינען אָבער גלייך, ווי זיי זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר'ן משפּט פון דער ריינער ווי־סענשאַפטליכער קריטיק, פערשוואונדען ווי א רויך. אויך היינט בעגעגענען מיר דאָ און דאָרטען עקאָנאָמיסטען, וועלכע פיהרען אונז אויף אנדערע וועגען, ווי אזוי צו דערגעהן ביז די קוואלען פון די פערשיידענע הכנסות אָבער אין דעם טעמפּעל פון דער ריינער, ניט קלאַסען־וויסענשאַפט, האָבען אָט די עקאָנאָמיסטען ווייניג וואָס ערדייכט.

אויף געוויסע ארגומענטען, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרען קעגען ריקאַרדאָ'ס רענטע־טעאָריע, לוינט זיך אָבצושטעלען. מיר וועלען קודם כל נעמען דעם ארגומענט פון דעם בעוואוסטען דייטשען סאָציאָלאָג און עקאָנאָמיסט ש ע פ פ ל ע.

שעפפלע מיינט, אז ריקאַרדאָ'ס בעגריף וועגען רענטע איז צו שמאָל. ער דאַרף זיך ניט בעשרענקען בלויז מיט דעם גרונד און באָדען. אזא דיפערענצירטע הכנסה — זאָגט שעפפלע — קריגען ניט נאָר די לאַנד־אייגענטימער, נאָר אויך די פּראָפעסיאָנעלע מענשען. א גוטער דאָקטאָר, וואָס איז בעסער ווי דער דורכשניטס דאָקטאָר, א גוטער אדוואָקאַט, א פּראָפעסאָר און א. וו. קריגען מעהר וויפיעל דער דורכשניטס האָנאָראַר איז פאַר געוועהנליכע מעדיצינישע אָדער אדוואָקאַטישע הילף. וואָס פעהיגער, בעלעהרענדער, געשיקטער דער פּראָפעסיאָנעלער איז פאַר'ן דורכשניטס מענש פון דער פּראָפעסיע, אַלץ העכער וועט זיין זיין האָנאָראַר. דער האָנאָראַר וועט זיך דיפערענצירען אזוי, ווי עס דיפערענצירט זיך די הכנסה פון לענדלאָרד. אומעטום, וואו עס זיינען פאַראַן פאַר ארבייט פון איין און דעמזעלבען מין פערשידענע בעלוינונגען, האָבען מיר צו טהון, לויט שעפפלע'ס מיינונג, מיט רענטע.

שעפפלע מישט דא צוזאמען די הכנסה פאר קוואליפיצירטע ארבייט מיט דער הכנסה פון א גאנצען קלאס אייגענטימער.

די רענטע, וואס דער לענדלארד קריגט, האט ניט צו טהון מיט זיין פערזאן, מיט זיינע פעהיגקייטען. ער מעג זיין דער גרעסטער אידיאט, קוים האט ער דאס אייגענטומס רעכט אויף א געוויסע לאנד און קוים איז דאס לאנד פרוכטבארער, ווי די חלקים לאנד פון דעם ערגסטען מין, וואס ווערען בעארבייט, וועט ער קריגען רענטע. דער קוואל פון רענטע ליגט אין דער טבע פון דעם באדען ניט צו זיין אומעטום גלייך פרוכטבאר. עס מוז זיין אן אונטערשייד צווישען בעסער חלקים ערד און ערגערע חלקים. און אזוי ווי אין אונזער געזעלשאפט איז דאס לאנד ניט פריי פאר יעדען איינציגען, עס געהערט צו א געוויסען קלאס מענשען, ממילא מוז דער קלאס מענשען האבען א הכנסה פון דעם לאנד. די אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען פון א מענשען זיינען פערבונדען מיט די בעמיהונגען און ארבייט פון דעם פראפעסיאנעלען גופא.

דער האנאראר, וואס אן אויסערגעוועהנליכער דאקטאר קריגט, איז א הכנסה, וואס קומט פון ארבייט, אבער רענטע איז א הכנסה, וואס קומט ניט פון ארבייט.

אויסער דעם קען דער עודף, דער איבערפלוס, וואס אן אויסערגעוועהנליכער פעהיגער פאכמאן קריגט פאר דעם דורכשניטליכען מענשען פון זיין פאך, ניט ווערען א נ א צ י א נ א ל ע הכנסה. ביי איינציגע מענשען, ביי יחידים, ווערט די הכנסה צוליב דעם טאקי גרעסער, אבער פאר'ן גאנצען קלאס ניט.

ווי מיר ווייסען פון דער ווערטה־טעאריע, ווערט יעדער פראדוקט, יעדע דיענסט, געשאצט לויט דער מאס ארבייט, וואס עס איז אין זיי פערקערפערט. ווי ווערט געשאצט די ארבייט, וואס א געוויסע זאך קאסט? מען נעמט א דורכשניטמענשען פון דעם פאלק מיט געוועהנליכע פעהיגקייטען, א געוועהנליכען ארבייטסטאג, געוועהנליכע אומשטענדען און מען זעהט, וויפיעל אזא דורכשניטס מענש דארף ארבייטען מיט דורכשניטס געצייג כדי צו שאפען דעם פראדוקט (מאטעריעלען אדער גייסטיגען). אויב איינער שטייגט אריבער דעם דורכשניטס־מענשען האט ע ר א גרעסערע איינגאהמע. די געזעלשאפט אבער גיט צוליב דעם ניט אוים מעהר. וויל, אזוי גוט ווי עס זיינען פאראן פאבלייט, וועלכע שטעהען העכער פון דעם מיטעלמעסיגען מענשען, אזוי זיינען פאראן מענשען, וועלכע שטעהען נידעריגער, וועלכע קריגען ווייניגער ווי דער דורכ־

שניט. אין אַלגעמיין גלייכט זיך אויס. דאָס וואָס אויסערגע־וועהנליך גוטע פאַבלייט קריגען מעהר, קריגען דערפאַר די אויסער־געוועהנליך שלעכטע ווייניגער. די געזעלשאַפט צאָהלט דאָ — ווען מען רעכענט די בעסערע פאַר'ן מיטעלמעסיגען און די ערגערע פאַר'ן מיטעלמעסיגען — נור פאַר'ן דורכשניט.

ביי רענטע איז אָבער גאַנץ אַנדערש. רענטע צאָהלט די גע־זעלשאַפט, ווי מיר האָבען געזעהן, ניט נאָר פאַר די באָדענס, וואָס זיינען בעסער, ווי דער דורכשניט, נאָר פאַר אַלע באָדענס, וועלכע זיינען עטוואָס בעסער ווי דער ערגסטער באָדען, וואָס די געזעל־שאַפט בעאַרבייט. דערמיט אונטערשיידען זיך לאַנדווירטשאַפט־ליכע פּראָדוקטען פון אַנדערע. די אינדוסטריע פּראָדוקטען ווערען געשאַצט לויט דעם דורכשניט ארבייטס־קראַפט, וואָס אין זיי דאַרף אַריינגעטהאָן ווערען, בעת די לאַנד און פעלד פּראָדוקטען ווערען געשאַצט לויט דער מאָס ארבייט, וואָס עס דאַרף קאָסטען זיי צו פּראָדוצירען אויף דעם ערגסטען באָדען, וועלכע די געזעלשאַפט האָט אונטער'ן אקער. פאַר די ארבייט פון פאַבלייט צאָהלט די גע־זעלשאַפט דעם דורכשניט אזוי ווי פאַר אינדוסטריע פּראָדוקטען און עס איז ניטאָ קיין בעזונדערער מקור פאַר אַ הכנסה. איינציגע גוטע פאַבלייט קריגען טאַקי אַ האָנאָראַר וואָס איז גרעסער פון'ם דורכ־שניט, דערפאַר קריגען אַנדערע אַ האָנאָראַר, וואָס איז קלענער פון'ם דורכשניט.

אַנדערע טרעטען ארויס קעגען די סברות, דורך וועלכע ריי־קאַרדאָ איז געקומען צו דער טעאָ יע פון דער דיפערענצירטער רענטע.

ריקאַרדאָ'ס הויפּט הנחה איז, אז דער סדר פון דעם מענש־ליכען ישוב קומט פאַר אזוי: פריהער בעזעצען זיך די מענ־שען אויף די פרוכטבאַרסטע ערטער, וואו מען קען לעבען מיט ווײ־ניג ארבייט. דערנאָך, ווען די ערשטע חלקים ערד זיינען שוין בעזעצט, פאַנגט מען אָן צו בעאַרבייטען די ערטער מיט אַ פרוכט־באַרקייט פון צווייטען מין. שפּעטער נעמט מען זיך צו דעם באַ־דען מיט נאָך אַ קלענערער פרוכטבאַרקייט א. א. וו. די דאָזיגע הנחה שטיצט ריקאַרדאָ אויף מאַלטוס'עס בעפעלקערונגס געזעץ. מאַלטוס האָט אויפגעשטעלט אַ כלל, דאָס די פערמעהרונג פון די מענשען קומט פאַר אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע, ווי די פער־מעהרונג פון די פּראָדוקטען צום לעבען. עס קומט דעריבער אויס,

אז וואָס ווייטער, ווערט אַלץ גרעסער דער דוחק אין לעבענס־מיטלען און מען מוז שווערער אַרבייטען פאַר דער חיונה.

אָט אונטער דעם איינפלוס פון מאַלטוס'עס געזעץ האָט ריקאַרדאָ זיך פאָרגעשטעלט, אז די מענשען האָבען זיך פריהער בעזעצט אויף די בעסטע, פרוכטבאַרסטע ערטער און ווען זיי האָבען זיך פערמעהרט, האָבען זיי זיך גענומען צו אַלץ ערגערע און ערגערע באָדענס.

דער בעוואוסטער דייטשער געלעהרטער ראָדבערטוס־יאַגעצאָוו האָט בעוויזען, אז דער סדר פון ישוב איז גאָר ניט פאָרגעקומען, ווי ריקאַרדאָ שטעלט זיך פאָר. ווען מענשען בעזעצען זיך אויף א נייע לאַנד, רעכענען זיי זיך ניט מיט פרוכטבאַרקייט פון באָדען. דאָס אויסקלויבען אַן אָרט, וואו צו לעבען, ווענדעט זיך פון א סך אַנדערע בעדינגונגען. מען קלייבט געוועהנליך אויס אזוינע ערטער, וואו עס איז בעסער זיך צו בעשיצען פון שונא, וואו עס איז לייכטער זיך צו בעפעסטיגען, דהיינו, אויף הויכע בערג. אין דייטשלאַנד האָבען די דערפער זיך פריהער געגרינדעט אַרום די פאַלאַצען און די הויפען פון די באַראָנען, הגם דער באָדען איז דאָרטען געווען ניט מי יודע ווי פרוכטבאַר.

דער אַמעריקאַנישער עקאָנאָמיסט קערי בעווייזט, אז אויך אין אַמעריקאַ איז די קאָלאָניזאַציע פון דער בעפעלקערונג ניט פאָרגעקומען ווי ריקאַרדאָ שילדערט אונז. קערי בעווייזט מיט היסטאָרישע פאַקטען, אז אין אַמעריקאַ האָט מען, פערקעהרט, פריהער זיך בעזעצט אויף ערגערע באָדענס און שפּעטער אויף מעהר פרוכטבאַרע באָדענס. די אַמעריקאַנישע ערשטע קאָלאָניסטען האָבען פריהער גענומען אונטערן אַקער די הויכע ערטער, הגם זיי זיינען ווייניגער פרוכטבאַר, ווי די נידעריגע באָדענס, וועלכע זיינען מעהר פרוכטבאַר, אָבער פאָדערען מעהר געניטקייט. ערשט שפּעטער, ווען די קאָלאָניסטען האָבען שוין געהאָט די נויטיגע ערפאַהרונג אין לאַנד־אַרבייט, האָבען זיי זיך גענומען צו די נידעריגערע באָדענס. מען בעדאַרף שטענדיג האָבען אין זינען, אז ביים קאָלאָניזירען א געוויסע לאַנד שפּילען א ראָליע ניט בלויז די עקאָנאָמישע נאָר אויך, אפשר אין נאָך א גרעסערער מדרגה, די פּאָליטישע פערהעלטניסען.

וואָס ס'איז ווידער שייך צום צווייטען געזעץ, אז יעדע שפּעטערדיגע אַנווענדונג פון קאַפּיטאַל גיט ווייניגער תבואות, האָט שוין ריקאַרדאָ אַליין אויפגעוויזען, אז אין דער צייט, ווען עס ווער־

רען גענומען טעכנישע פערבעסערונגען אין פארמעריי, פערלירט דאָס גאַנצע זיין קראַפט. אין אזא צייט קען די שפּעטערדיגע אינ־וועסטמענט ברייננגען מעהר תבואה, ווי פריהער. אלס אן אָנהענגער פון מאַלטוס, אז די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך א סך געשווינ־דער, ווי דער ערפאָלג אין דער ארבייט, האָט ריקאַרדאָ געהאַלטען אזוינע צייטען פון טעכנישען פּראָגרעס, ווען די שפּעטערדיגע אינ־וועסטמענט פון קאַפּיטאַל קען ברייננגען א גרעסערען פּראָצענט תבואה, ניט פאַר א שטענדיגע געוועהנליכע ערשיינונג, נאָר פאַר א צופאַל, פאַר אן אויסנאַהם.

מאַלטוס'עס טעאָריע האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר ניט ריכטיג. אין די געוועהנליכע צייטען שפּרייזט דער טעכנישער פּראָגרעס גע־שווינדער, ווי די בעפעלקערונג און וואָס ווייטער ווערט דאָס שאַפען פון פּראָדוקטען א סך לייכטער ווי פריהער. מאַלטוס'עס גאַנצע איז ריכטיג, ווען די טעכניק ענטוויקעלט זיך ניט, אָבער אזוינע צייטען דאַרף מען ניט בעטראַכטען, ווי ריקאַרדאָ, פאַר געוועהנליך, נאָר פאַר אויסערגעוועהנליך און ממילא האָט דאָס גאַנצע בלויז א ווערדע אין אן אויסנאַהם, אין אן אויסערגעוועהנליכען פאַל. דער טעכנישער פּראָגרעס — מיינט ראָדבערטוס — איז אימשטאַנד צו ברייננגען אונפּרוכטבאַרע באָדענס ביז דער מדרגה פון פרוכטבאַרע. דאָס ענטדעקען נייע מעטאָדען, ווי צו בעארבייטען דעם באָדען, די אויסבעסערונג פון וועגען און איבעריגע פערקעהרס מיטעל, פיהרען דערצו, דאָס ערגערע באָדענס ווערען געשטעלט אויף איין ליניע מיט בעסערע.

מען מוז מסכים זיין, אז ריקאַרדאָ'ס הנחות, וועלכע האָבען פאַר איהם געדינט אלס די יסודות פון זיין טעאָריע, זיינען ניט אינגאַנצען ריכטיג. דאָס גראָבט אָבער לחלוטין ניט אונטער ריקאַר־דאָ'ס טעאָרעטישען בנין. אין תוך, אין עצם איז ריקאַרדאָ'ס טעאָ־ריע ניט געשעדיגט געוואָרען, הגם דער פונדאַמענט, וואָס ער האָט איהר געלייגט, איז ניט אויסגעהאַלטען.

אונז קימערט איבערהויפּט ניט — מיינט מאַרקס — אויב דאָס לעבען ווערט גרינגער אָדער שווערער. זייענדיג איבערצייגט, אז דאָס לעבען צוליעב די פערשיעדענע ערפינדונגען און ענטדע־קונגען, צוליעב די בעסערע מיטלען, ווי צו פיהרען דעם קאַמפּף מיט דער נאַטור, ווערט לייכטער, וועט פונדעסטוועגען די טעאָריע פון דיפערענצירטער רענטע בלייבען. עס קעהרט זיך איבערהויפּט ניט אָן מיט דעם, צי האָט מען פריהער בעארבייט מעהר פרוכטבאַרע

באָדענס און שפעטער וועניגער פרוכטבארע, אָדער ניט; צי גיט דער צווייטער אָנגעווענדעטער קאפיטאל ווייניגער תבואה אָדער ניט. דער פאקט איז דאָך, אז דער באָדען איז ניט אומעטום גלייך פרוכטבאר, אז פערשידענע חלקים ערד גיבען פערשידענע גערע־טענישען און אָט די פערשידענהייט אין דער אייגענשאפט פון דער ערד איז דער קוואל פון דיפערענצירטער רענטע. עס איז דאָך לכל הדעות ריכטיג, אז דער ווערטה פון די לאנד און פעלד פּראָ־דוקטען ווערט בעשטימט לויט דער מאָס ארבייט, וואָס עס איז פערווענדעט געוואָרען אויף דעם אם ווייניגסטען פרוכטבארען באָ־דען. אויב די ארבייט אויף די ערגסטע באָדענס ווערט געשעצט נאָכ'ן ווערט נאָך, טאָ מוז דאָך די ארבייט אויף די בעסערע באָ־דענס געבען מעהר, ווי דעם ווערטה. אָט דער איבערפלוס איז רענטע.

אין עצם מסכים מיט ריקארדאָ האָט מארקס צוגעגעבען צו דער גאַנצער רענטע־טעאָריע זעהר וויכטיגע נייעס. לויט רי־קארדאָ גיבען די אם ווייניגסטען פרוכטבארע באָדענס, וועלכע ליגען אונטער'ן אַקער, קיין שום רענטע. מארקס מיינט, אז אפילו אָט די באָדענס גיבען רענטע. מארקס בריינגט ראיות, אז צוליב דעם אייגענטומס רעכט, צוליב דעם זכות זײַן מאָנאָפּאָל פון די לענדלאָרדס, וועלכע האָבען א רעכט ניט צו דערלאָזען אן אנדערען זיך בענוצען מיט'ן באָדען, זײַז פאראן א רענטע אפילו פון די באָדענס, וועלכע בעלאנגען צום ערגסטען זאָרט. צוזאמען מיט דער דיפערענצירטער רענטע פון ריקארדאָ — בעהויפּטעט מארקס — עקזיסטירט נאָך אן א ב ס אָ ל ו ט ע רענטע פון די אם ווייני־גיגסטען פרוכטבארע באָדענס.

פערגלייכט מען די דיפערענצירטע רענטע פון ריקארדאָ און די אבסאָלוטע רענטע פון מארקס, זעהט מען, אז צווישען זיי עקזיס־טירט א גרויסער אונטערשייד בנוגע דעם ווערטה פון די תבואות. לויט ריקארדאָ קומט אויס, ווי מיר ווייסען, אז דער ווערטה פון די תבואות בילדעט זיך נאָר פון דעם סכום ארבייט און קאפּיטאל, וואָס ווערט אויף זיי אָנגעווענדעט. א הכנסה פאר'ן לענדלאָרד איז דאָ ניטאָ פון וואנעט צו נעהמען. די לענדלאָרדס האָבען דאָ קיין שום חלק ניט אין דעם ווערט. און ממילא קומט אויס, אז ווען די לענדלאָרדס וואָלטען אָנווערען זייערע פּריווילעגיעס אויף דאָס לאנד, ווען דאָס לאנד זאָל, א שטייגער, איבערגעהן אין רשות פון דער גאַנצער נאַציע, וועט דער ווערטה פון די תבואות און אנ־

דערע פאָרם־פּראָדוקטען ניט ווערען קלענער, ווייל דער סכום ארבייט, וואָס איז נויטיג אריינצוטהאָן אויף דעם ערגסטען באָדען, וואָלט דאָך דורכדעם ניט ווערען וויינינער. לויט מאַרקס'ן קומט אויס, אַז דער ווערטה פון די תבואות איז צוזאַמענגעזעצט ניט בלויז פון דער אַרבייט, וואָס די אַרבייטער פערוועגדען פאַר זיך אלס ארביימס־לוין און פאַר די קאַפּיטאַליסטען בתורת ריוח, נאָר אויך פון דער אַרבייט, וואָס די אַרביימער זיינען מחויב צו אַרבייטען פאַר די לענדלאָרדס, כדי זיי, די לענדלאָרדס זאָלען קריגען רענטע פאַר זייער ערלויבנים צו בעאַרבייטען דאָס לאַנד. לעתיד לבוא, ווען דאָס לאַנד וועט ווערען נאַציאָנאַליזירט און די לענדלאָרדס וועלען אָנווערען זייערע פּריווילעגיעס, וועלען די אַרבייטער פערשפּאָרען אָבצוגעבען אומזיסט און אומנישט אַרבייט פאַר די פּריצים, וועט ממילא אויך ווערען קלענער דער ווערטה פון די לאַנד־ און פעלד־פּראָדוקטען.

דער ווערטה פון די לאַנד פּראָדוקטען וועט ווערען אויף אַזוי פיעל וויינינער, אויף וויפיעל עס בעטרעפט די אבסאָלוטע רענטע איצט, ווען דאָס לאַנד געפינט זיך אין רשות פון פּריוואַט־מענשען.

## אכטצעהנטע לעקציע

# די חלקים פון די אַרבייטער, קאַפּיטאַליסטען און לענדלאָרדס אין דער הכנסה פון כלל.

---

די דריי הויפּט טיילען פון דער געזעלשאַפטליכער (קהל׳שער) הכנסה; די שייכות פון די אַלע דריי הכנסות צווישען זיך; דער צד השוה פון פּראָפיט און רענטע און דער אונטערשייד צווישען זיי; אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען אַלס אונפערמיידליכע געגנער; ריקאַרדאָ׳ס סימפּאַטיע מיט די קאַפּיטאַליסטען און זיין שנאה צו די לענדלאָרדס; ווי רי־קאַרדאָ שטעלט זיך פאָר אין דער צוקונפט די חלקים אַרבייטס־לוין, פּראָפיט און רענטע; הענרי דזשאָרדזש אַלס אַן אָנהענגער פון ריקאַרדאָ׳ס בליק אויף די לענדלאָרדס; די בעדינגונגען, וועלכע פערקלענערען די רענטע און פערגרעסערען דעם פּראָפיט; ריקאַרדאָ׳ס פאַלשער בליק בנוגע דער צוקונפט פון פּראָפיט; דער אַרבייטס־לוין ווערט אַלץ אַ קלענערער חלק אין דער הכנסה פון כלל און דער פּראָפיט ווערט גרעסער; דער תהום צווישען אַרבייטער און די האָבענדע קלאַסען.

---

די הכנסה פון דער געזעלשאַפט ווערט איינגעטיילט, ווי מיר האָבען געזעהן, אין דריי הויפּט חלקים: אין אַרבייטס־לוין, פּראָפיט און רענטע.

אַרבייטס־לוין קריגען די אַרבייטער, פּראָפיט — די קאַפּי־טאַליסטען, און רענטע — די לענדלאָרדס.

אין וואָס פאַר אַ שייכות געפינען זיך די דרייערליי הכנסות צווישען זיך?

פּראָפיט און רענטע האָבען איין צד השוה, איין שותפות׳ן כאַראַקטער־שטריך. זיי ביידע קענען עקזיסטירען אַלס פּרנסות פאַר די קאַפּיטאַליסטען און די לענדלאָרדס בלויז דורך דעם, ווייל עס איז פאַראַן אַ געזעץ פון פּריוואַט אייגענטום אויפ׳ן לאַנד און אויף די אַנדערע פּראָדוקציאָנס מיטלען. ווען ניט דאָס רעכט פון פּריוואַט אייגענטום, וואָלטען די לענדלאָרדס אַזוי אויך די קאַפּי־טאַליסטען, קיין הכנסה ניט געהאַט. די איינציגע, וועלכע שאַפען די פּראָדוקטען, זיינען די אַרבייטער, און וואָלטען די אַרבייטער געהאַט אייגענע לאַנד און אייגענע געביידען, מאַשינען און אַנדע־רע אינסטרומענטען, וואָלטען זיי געקענט אליין בענוצען דעם גאַנ־

צען פּראָדוקט פון זייער אַרבייט. צוליב דעם, וואָס דאָס לאַנד געהערט די לענדלאָרדס און די פּראָדוקציאָנס מיטעל צו די קאַפּי־טאַליסטען, קריגען די אַרבייטער בלויז אַ קליינעם חלק פון זייער אַרבייט, זיי קריגען אַן אַרבייטס־לוין, וואָס קלעקט אויף צו מאַכען אַ געדריקט לעבען. דער גרעסערער חלק פון זייער אַרבייט קומט אָן די קאַפּיטאַליסטען אַלס מעהר־ווערט און די לענדלאָרדס אַלס (אַבסאָלוטע) רענטע.

די קאַפּיטאַליסטען און די לענדלאָרדס שאַפען ניט קיין נייע ווערטען. ווען די אַרבייטער זאָלען ניט אַרבייטען, וואָלט ניט זיין קיין פּראָפיט און עס וואָלט אויך ניט זיין פון וואַנעט צו ציהען רענטע. זיי דאַרפען על פּי יושר זיין קליינע מחותנים אויף די פּראָדוקטען, וועלכע זיי האָבען ניט פּראָדוצירט. עס איז אָבער פאַראַן אַ געזעץ פון פּריוואַט אייגענטום און צוליעב דעם געזעץ קרי־גען די צוויי אַנגערופענע קלאַסען, די קאַפּיטאַליסטען און די לענדלאָרדס, פּראָפיט און רענטע. די דאָזיגע הכנסות שטאַמען ניט פון דעם עצם פּראָדוקציע, נאָר פון דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר אָ ר ד נ ו נ ג, וועלכע ס'הערשט איצט און וואָס איז געגרינדעט אויפ'ן יסוד פון פּריוואַט־אייגענטום.

רענטע — דיפערענצירטע רענטע — אונטערשיידעט זיך פון פּראָפיט מיט דעם, וואָס זי שטעהט ניט אין אַזאַ גראַדען ווידער־שפּרוך צו דעם אַרבייטס־לוין.

אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען זיינען צוויי אונפערמיידליכע געגנער, צוויי פיינדליכע לאַגערס, צווישען וועלכע עס קען קיינמאָל קיין שלום ניט זיין. זיי לעבען ביידע פון איין פּרנסה, זיי עסען פון איין שיסעל. וואָס מעהר עס האָבען די קאַפּיטאַליסטען, אַלץ ווייניגער האָבען די אַרבייטער. און וואָס גרעסער עס איז דער אַרבייטס־לוין, אַלץ קלענער איז דער מעהר־ווערט און ממילא אויך דער פּראָפיט. אַן אויסגלייך, אַ פּשרה איז דאָ אונמעגליך. כל זמן עס זיינען איבערהויפּט פאַראַן קאַפּיטאַליסטען מוזען די אַר־בייטער ווערען עקספּלאָאַטירט.

צווישען לענדלאָרדס און אַרבייטער איז אַזאַ דירעקטער קאַמפּף ניט פאַראַן. אויב די אַרבייטער זאָלען שוין קריגען דעם גאַנצען פּראָדוקט פון זייער אַרבייט און דער מעהר־ווערט זאָל אָנקומען זיי גופא, וועלען די לענדלאָרדס זייער דיפערענצירטע רענטע ניט אָנ־ווערען, ווייל די דיפערענצירטע רענטע קומט ניט פון'ם מעהר־

ווערט, נאר פון דעם, וואס די פראָדוקטיווקייט פון באדען איז פער־שידען.

ריקארדא, וואס איז געווען דער טיפישער פערטרעטער פון דער בורזשואזיע אין זיין צייט, האט, פערשטעהט זיך, מעהר סימ־פאטיזירט מיט די קאפיטאליסטען, ווי מיט די לענדלארדס.

דער קאפיטאליסט — מיינט ריקארדא — איז לכל הפחות דער אייגענטימער פון קאפיטאל, וואס איז בעשאפען דורך ארבייט. דער קאפיטאליסט איז דער ארגאניזאטאר אין דער אונטערנעהמונג. ער טהוט וואס עס איז. ער ריזיקירט מיט זיין קאפיטאל, וואס האט געקענט ווערען צונויפגעקליבען דורך זיין אייגענער ארבייט, דורך זיין שפארזאמקייט (ריקארדא און זיינע תלמידים בעטראכ־טען טאקי יעטווידען קאפיטאליסט פאר א שפארעוודיגען דרייס־טען ארבייטער, וועלכער ווייס ווי צו היטען זיינע פערהארעוועטע פערדינסטען) און אויב דאס קאפיטאל איז צו איהם געקומען דורך זיינע אייגענע בעמיהונגען, איז ניט מעהר ווי יושר'דיג, ער זאל האבען אן אייגענטומס רעכט דערויף.

אויסער דעם איז דער קאפיטאליסט, לויט ריקארדא'ס מיינונג, א נוצליכער מיטגליד אין דער געזעלשאפט. ער פיהרט די אונ־טערנעהמונג. דער קאפיטאליסט און דער ארבייטער שטעהען טאקי איינער קעגען אנדערן, אבער זיי זיינען ביידע אויך נוצליך פאר'ן כלל.

גאנץ אנדערש איז מיט די לענדלארדס. די לענדלארדס זיי־נען אמת'ע פאראזיטען, „דארמאיעדניקעס", וואס שטעקען ניט אריין א פינגער אין קאלטע וואסער. אין דער פראדוקציע נעהמען זיי קיין שום חלק ניט און דאס אייגענטום'ס רעכט, צוליעב וועלכען די לענדלארדס בעקומען א פעטען חלק אין די עשירות פון דער געזעלשאפט, איז א רעכט, וואס זיי האבען לחלוטין ניט פערדינט פאר געוויסע מעשים טובים. זיי האבען דאס רעכט גענומען מיט גוואלט, ביד חזקה, ווייל זיי האבען געשריבען די געזעצען.

ריקארדא איז דעריבער שטענדיג ארויסגעטרעטען קעגען די אינטערעסען פון די לענדלארדס. אומעטום, וואו ער האט געקענט, האט ער פערטיידיגט די בורזשואזיע, וואס האט אין זיין צייט, אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט, געשפילט אן אמת ליבעראלע ראליע, און האט בעקעמפט די לענדלארדס.

די שנאה צו די לענדלארדס איז ביי ריקארדא געווען נאך שטארקער צוליעב דעם, ווייל לויט זיין מיינונג ווערט די לאגע פון

די קאפיטאליסטען אלץ ערגער, בעת די לענדלארדס קריגען אלץ א גרעסערע רענטע.

לויט דעם מינימום געזעץ פון ארבייטס־לוין*) — מיינט ריקארדא — קענען קיין גרויסע פערענדערונגען אין דער הכנסה פון די ארבייטער ניט פארקומען. דער ארבייטס־לוין קען ניט ווערען קלענער. דאס איז א פעסטגעשטעלטע הכנסה. ער מוז קלעקען פאר די ארבייטערס חיונה. גאנץ אנדערש איז מיט די הכנסות פון די קאפיטאליסטען און די לענדלארדס. די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך און פאנגט זיך אן צו נויטיגען אין א גרעסערער מאס תבואה. די באדענס וועלכע ווערען בעארבייט אין א געוויסער צייט פאר א געוויסע צאהל מענשען, זיינען ניט גענוג פאר אן אנדער צייט, ווען די צאהל מענשען פארגרעסערט זיך. מען מוז אנפאנגען צו בעארבייטען נייע באדענס — באדענס פון אן ערגערן זארט. און וויבאלד, אז ווייניגער פרוכטבארע באדענס ווערען בענוצט אונטערן אקער, מוז במילא די דיפערענצירטע רענטע שטייגען. פון דער אנדערער זייט רופט ארויס דער איבערגאנג צו שלעכטערע באדענס א העכערונג אויף פרייזען פון די נויטיגע לעבענס מיטלען. און ווען עס שטייגען די לעבענס מיטלען, שטייגט אויך דער ארבייטס־לוין. אזוי ווי ארבייטס־לוין און פראפיט נעהמען זיך ביידע פון איין קוואל, טא פערשטעהט זיך, אז ווען דער ארבייטס־לוין ווערט גרעסער, ווערט דער פראפיט קלענער.

די בעפעלקערונג ווערט אלץ גרעסער, מוז שטייגען די רענטע, מוזען ווערען טייערער די לעבענס־קאסטען, מוז זיך העכערען דער ארבייטס־לוין, מוז ווערען קלענער דער פראפיט. דער פראפיט האט די טבע צו ווערען אלץ קלענער ביז ער וועט דערגרייכען די מדרגה פון „0“. די רענטע אבער, פערקעהרט, האט די טבע צו שטייגען אהן א סוף און אהן אן ערך.

דער געזעלשאפטליכער פראצעס שטעלט זיך פאר ריקארדא אזוי: די לאגע פון די ארבייטער ווערט ניט ערגער און ניט בעסער, זיי קריגען אלץ מאל אזוי פיעל, וויפיעל זיי בעדארפען פאר זייער נויטיגע חיונה. די נאמינעלע שכירות, די שכירות, אויסגעדריקט אין געלד, שטייגען אפילו, אבער צוליעב דעם יקרות אויף די לעבענסמיטלען, וואס ווערט גרעסער און גרעסער, ווייל מען מוז אלץ אנקומען צו ווייניגער פרוכטבארע באדענס, ווערען די רעאלע

*) זעה פיערצעהנטע לעקציע.—א. ש. ז.

שכירות, די שכירות אויסגעדריקט אין לעבענספּראָדוקטען, ניט העכער און ניט נידעריגער. די קאַפּיטאַליסטען קריגען וואָס ווייטער אַלץ וויינינגער ריוח און זייער לאַגע ווערט ערגער. די לענדלאָרדס, פּערקעהרט, קריגען וואָס ווייטער אַלץ א גרעסערע רענטע און זייער לאַגע ווערט וואָס ווייטער אַלץ בעסער.

דער בעוואוסטער אַמעריקאַנישער סינגלעטעקסער, הענרי דזשאָרדזש, איז געווען א גרויסער אַנהענגער פון ריקאַרדאָ'ס רענטע־טעאָריע און האָט צוזאַמען מיט ריקאַרדאָ'ן געהאַלטען, אַז די לענדלאָרדס זיינען אמת'ע פּאַראַזיטען, מענשען וועלכע קלייבען רייכקייטען, ניט ווייל זיי האָבען דערויף געאַרבייט, נור ווייל זיי האָבען דאָס אייגענטום'ס רעכט אויף לאַנד. פאַר הענרי דזשאָרדזש זיינען די לאַנד־אייגענטימער דער אונגערעכטסטער קלאַס און ער האָט דעריבער אין נאָמען פון גערעכטיגקייט געפאָדערט, דאָס לאַנד זאָל נאַציאָנאַליזירט ווערען.

אין ניו יאָרק, אשטייגער, קענען מיר אויסרעכענען א גאַנצע ליסטע מאַגנאַטען, וועלכע זיינען געוואָרען מיליאָרדערען, ניט ווייל זיי האָבען געמאַכט גרויסע אונטערנעהמונגען, נאָר פּשוט, ווייל זיי האָבען געהאַט חלקים ערד אין שטאָדט. מיט א הונדערט יאָהר צוריק זיינען די פּלעצער געווען ווערט זעהר ווייניג. מען האָט זיי געקענט קריגען פאַר א גאָרנישט. מיט דער צייט אָבער, ווען ניו יאָרק איז געוואָרען גרעסער, איז יעדער פּלאַץ געוואָרען אַלץ טייערער. אין אַנדערע פּלעצער, ווי אין וואָל סטריט, צאָהלט מען פאַר א שטיקעל לאַנד מיט גאָלד צו גלייך. דאָס איז ניט קיין גוזמא. דאָס איז דער ריינער אמת. די ערד, אוואו עס שטעהט די געביידע פון'ם אויל־טראַסט, איז מעהר ווערט ווי א שטיק גאָלד פון דערזעלבער גרויס. די אייגענטימער פון אָט די דאָזיגע פּלעצער זיינען געוואָרען מיליאָנערען בלויז צוליב דעם, וואָס ניו יאָרק איז געוואָרען א גרויסע בעפעלקערטע שטאָדט. עס הייסט, אַז דאָס לאַנד איז געשטיגען אין פּרייז דורך אורזאַכען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג. פאַר וואָס — פרעגט זיך — נוצען אויס די טייערקייט, וואָס די בעפעלקערונג האָט מיט זיך געבראַכט, בלויז די איינציגע לענדלאָרדס און ניט די בעפעלקערונג גופא?

הענרי דזשאָרדזש, וועלכער האָט געהאַלטען דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגענטום'ס רעכט אויף פערשידענע פּראָדוקציעס פאַר נויטהיג, איז געווען א גוואַלדיגער געגנער פון לאַנד

איינגענטום, וואס איז דער קוואל פון רענטע — א הכנסה, וואס בעדארף בעלאנגען צו אלעמען, צו כל הקהל און ניט צו די יעניגע, וועלכע האבען פערכאפט די מתנות פון דער נאטור.

לויט ריקארדא'ן קומט שטענדיג פאר א קאמף, א קלאסען־קאמפף, צווישען די לענדלארדס און די קאפיטא־ליסטען. די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען פאדערען א קליי־נע רענטע, ווייל וואס קלענער די רענטע, אלץ קלענער זיינען די לעבענסמיטלען און אלץ קלענער זיינען די ארבייטער שכירות. די אינטערעסען פון די לענדלארדס פאדערען א גרויסע רענטע. נאך מעהר, די לענדלארדס בענוצען זיך מיט די שלעכטע צייטען פון דער געזעלשאפט. ווען דער געזעלשאפט קומט אן שווער און בי־טער צו וועגען צו ברייגגען די חיונה, ווען זי מוז בעארבייטען שלעכטע לאנד, כדי צו דעקען דעם בעדארף אין תבואה — אין דער צייט ווערען די לענדלארדס אלץ רייכער. וואס שווערער די חיונה, אלץ גרעסער איז די רענטע.

ריקארדא וויזט אן אויף די בעדינגונגען, וועלכע פערקלע־נערען די רענטע און פערגרעסערען ממילא די ריוח פון די קאפי־טאליסטען.

רענטע ווערט קלענער:

1. ווען עס קומען פאר פערבעסערונגען אין דער לאנדווירט־שאפט. ווען מען פיהרט איין נייע מאשינעס, אדער ווען מען האט געפונען בעסערע מעטאדען, ווי דעם באדען צו בעארבייטען, ווען עס ווערען ענטדעקט וואלוועלערע מיסטיגקייטס מיטעל, — מיט אייןווארט, ווען די פרוכטבארקייט אין דער לאנדווירטשאפט בכלל ווערט גרעסער. דורך אזוינע אויסבעסערונגען אין דער ווירטשאפט וואקסט די תבואה א סך מעהר ווי פריהער ביי דער אנווענדונג פון דערזעלבער מאס ארבייט. מען הערט אויף צו בעארבייטען די שלעכטע באדענס, צו וועלכע מען האט פריהער געמוזט אנקומען דורכדעם, וואס אויף די בעסערע באדענס אליין האט מען ניט נעקענט שניידען די נויטיגע מאס תבואות פאר דער געזעלשאפט. מיר וויסען, אז ווען דער לעצטער זארט באדענס, וואס די געזעלשאפט בענוצט פאר לאנד־ארבייט, געהערט צו א העכערער מדרגה, מוז די רענטע פאלען.

2. ווען עס ווערען אויסגעבעסערט די וועגען און די איבע־ריגע פערקעהרס מיטלען, און

3. ווען מען נעהמט ארונטער די טעקסעס, די אָבצאָהלונגען אויף די אריינגעפיהרטע אויסלענדישע תבואות.

דורך די בעסערע וועגען און דורך דעם פרייען אריינפיהר קומען אריין אין לאנד מעהר תבואות. עס פיהלט זיך ניט אזא דוחק אויף לעבענסמיטעל. מען הערט אויף צו בעארבייטען די ערגערע באָדענס און די רענטע ווערט קלענער.

---

אין די אויבענגעבראכטע געדאנקען פון ריקארדאָ זעהט מען ווייטער בולט ארויס זיין דעדוקטיווע מעטאָדע. די מיינונג, אז די לאגע פון די לענדלאָרדס ווערט אלץ בעסער און די לאגע פון די קאפיטאליסטען אלץ ערגער, איז נעבויט אויף אבסטראקציעס, אויף סברות, וועלכע שטימען נים איין מים דער ווירקליכקיים.

ריקארדאָ אליין גיט צו, אז דער איבערגאנג צו ערגערע באָדענס קומט פאר נור דאן, ווען די אגריקולטור טעכניק און וויסענשאפט שטעהען אויף איין אָרט. דאָרטען, וואו דער טעכנישער פראָגרעס געהט פאָרווערטס, איז איבערהויפט ניט נויטיג איבערצוגעהן צו וויניגער פרוכטבארע באָדענס און במילא דארף די רענטע ניט שטייגען. אזוי ווי דער טעכנישער פראָגרעס האלט שטענדיג אָן, אזוי ווי יעדען טאָג ווערען געמאכט אלץ נייע ענטדעקונגען בנוגע לאנדווירטשאפט, טאָ איז דאָס בילד, וואָס ריקארדאָ מאָלט בנוגע דער רייכער צוקונפט פון די לענדלאָרדס, ניט אין גאנצען ריכטיג.

נאָך וויניגער גערעכט איז ריקארדאָ מיט זיין מיינונג בנוגע דער שלעכטער צוקונפט פאר די קאפיטאליסטען.

קודם כל. זיינען ריקארדאָ'ס סימפאטיען מיט די קאפיטאליסטען, דאָס זיי פערדינען זייער פראָפיט, ווייל זיי זיינען די אונטערנעהמער און ארבייטען מיט'ן קאָפּ, ניט אין הסכם מיט היינטיגע צייטען. היינט טהוען אויך די קאפיטאליסטען גאָרנים. זיי האָבען געגוג מענשען, וועלכע טהוען פאר זיי די אָרגאניזאטאָרישע ארבייט. נעהמט א היינטיגען אמעריקאנישען מיליאָנער. ער ארבייט גאנץ וויייניג. זיין קאָפּ איז ניט פערנומען מיט דעם געשעפט. פונקט אזוי ווי דער לענדלאָרד בענוצט זיך מיט די מתנות פון דער נאַטור, אויף וועלכע ער האָט ניט געארבייט, אזוי בענוצט זיך דער מאָדערנער גרויסער קאפיטאליסט מיט דער פרוכט פון אנדערענס ארבייט.

אין ריקאַרדאָ'ס צייטען איז געוועהנליך דער קאַפּיטאַל נאָך ניט געווען אַזוי ענטוויקעלט, די אונטערנעהמונג איז אין אַ געוויסער מדרגה געווען אַבהענגיג פון דעם אונטערנעהמערס פעהיגקייטען, פון זיין איניציאַטיווע, פון זיין אינדיווידואַליטעט. היינט געהט די אונטערנעהמונג פון זיך. דער קאַפּיטאַל גופא טרייבט דעם געשעפט. די אמת'ע אייגענטימער האָבען זיך זייערע אַקציעס און געניסען פון די ציגזען מיט ניט מעהר רעכט, ווי די לענדלאָרדס געניסען פון דער רענטע. די קאַפּיטאַליסטען פערדינען ניט קיין גרעסערע סימפּאַטיעס ווי די לענדלאָרדס.

און וואָס ס'איז שייך דער סברא, אַז דער פּראָפּיט פון די קאַפּיטאַליסטען ווערט וואָס וויטער אַלץ קלענער, ווייל דער אַרבייטס־לוין ווערט אַלץ גרעסער דורך דעם, וואָס מען מוז אָנפּאַנגען צו בעאַרבייטען ערגערע באָדענס און די לעבענסמיטעל שטייגען אין פּרייז, טאָ איז ריקאַרדאָ לחלוטין ניט גערעכט.

ערשטענס, האָבען מיר שוין אָט דאָ געזעהן, אַז אַ דאַנק דער טעכניק דאַרף מען איבערהויפּט ניט אָנפּאַנגען צו בעאַרבייטען ערגערע באָדענס.

צווייטענס — און דאָס איז די הויפּט זאַך — ווערט דער אַנטייל פון די אַרבייטער אין דער הכנסה, וואָס דאָס פּאָלק נעהמט איין, אַלץ קלענער. דער שכל גופא זאָגט אונז, אַז ס'מוז אַזוי זיין.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, ווי אַזוי עס ווערען צוטיילט די פּראָדוקטען, וואָס די אַרבייטער אַרבייטען אויס. זיי, די אַרבייטער, קריגען זייער אַרבייטס־לוין — דעם טייל, וואָס איז נויטיג פאַר זייער חיונה און די איבעריגע געהען איבער צו די קאַפּיטאַליסטען אַלס מעהר־ווערט. אויב, למשל, דער אַרבייטס־טאָג געדויערט צעהן שעה און די פּראָדוקטען, וואָס די אַרבייטער האָבען נויטיג פאַר זייער חיונה, קענען אויסגעאַרבייט ווערען אין אַן ערך פינף שעה, וועט אויסקומען, אַז די פּרוכט פון דער אַרבייט ווערט צוטיילט העלפט און העלפט. העלפט (פינף שעה) קריגען די אַרבייטער אַלס אַרבייטס־לוין און העלפט (די אַנדערע פינף שעה) קריגען די קאַפּיטאַליסטען אַלס מעהר־ווערט. דורך דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, דורך דער איינפיהרונג פון אַלץ בעסערע מאַשינעס, דאַרף, אַ שטייגער, דויערען ניט מעהר ווי פיער שעה, אום צו פּראָדוצירען די מיטלען פאַר דעם אַרבייטער'ס חיונה. די פּראָפּאָרציאָנעלע טיילען צווישען די אַרבייטער און די קאַפּיטאַליסטען אין די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען ווערען שוין אַנדערש.

זיי וועלען זיך ענדערען אין די נוצען פון די אונטערנעהמער און אין שאָדען פון די ארבייטער. פריהער, ביי אן ערגערע טעכניק און א קלענערע אינטענסיוויטעט, האָבען פון די ארבייטערס צעהן שעה ארבייט פינף שעה געקראָגען די ארבייטער גופא און פינף שעה די קאפיטאליסטען, איצט אָבער קריגען די ארבייטער אלס זייער ארבייטס־לוין ניט מעהר ווי פיער שעה און די איבעריגע זעקס שעה קומען אָן צו די קאפיטאליסטען אלס מעהר־ווערט.

אזוי ווי אין די אונטערנעהמונגען ווערען אלץ איינגעפיהרט בעסערע טעכנישע מיטלען, אזוי ווי די אָנגעשטרענגטקייט פון די ארבייטער ווערט אלץ גרעסער, טאָ איז ממילא דערפון נעדרונגען, אז דער פראָפיט פון די קאפיטאליסטען האָט א טבע, ניט, ווי ריקאַרדאָ שטעלט זיך פאָר, צו ווערען אלץ ווייניגער, נאָר פארקעהרט, דער פראָפיט ווערט אלץ גרעסער און דער חלק, וואָס פאלט אויס אויפ'ן גורל פון די קאפיטאליסטען און דער פערמעגען, וואָס ווערט יאָהר איין, יאָהר אויס פראָדוצירט, ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

## נײנצעהנטע לעקציע

# ארבייטער און אונטערנעהמער

ריקאַרדאָ'ס הנחה, אַז דער גאַמיינעלער אַרבייטס־לוין ווערט גרעסער, און דער פּראָפיט קלענער; די הנחה פון די רעפאָרמער, אַז אויך דער רעאַלער אַרבייטס־לוין ווערט גרעסער; סטאַטיסטישע ציפערן פאַר די יאָהרען 1900 ביז 1909־10 און פון די יאָהרען 1909־10 ביז 1914. דער צו־וואַקס פון דער צאָהל פאַבריקען, פון דער צאָהל ארבייטער, פון דעם אַר־בייטס־לוין און פון דעם פּראָפיט; די פערגרעסערונג פון דער צאָהל אַנגעשטעלטע און בעאַמטע, וואָס זיינען ניט דירעקט בעטייליגט אין שאַפען די פּראָדוקטען; דער תהום צווישען די אַרבייטער און די אונטערנעהמער.

ריקאַרדאָ איז ניט דער איינציגער, וועלכער זאָגט, אַז דער חלק פון די אַרבייטער אין דעם פערמעגען פון פאָלק ווערט גרעסער.

אַלע סאָציאַלע רעפאָרמער, וועלכע האַלטען, אַז די סאָציאַלע ערעכטיגקייט מאַכט גוטע טריט פאָרווערטס, בעהויפּטען, אַז די לאַגע פון די אַרבייטער ווערט בעסער. זיי געהען א סך ווייטער ווי ריקאַרדאָ. אין דער צייט, ווען ריקאַרדאָ שטיצט זיך אויפ'ן מיני־מום געזעץ פון אַרבייטס־לוין און מאַכט אויף דעם סמך די הנחה, אַז די אמת'ע לאַגע פון די אַרבייטער ווערט ניט בעסער און ניט ערגער, אַז דער רעאַלער אַרבייטס־לוין בלייבט אויף איין שטאַפּעל, אַז נאָר דער אַרבייטס־לוין אויסגעדריקט אין געלד שטייגט אויפ'ן חשבון פון די קאַפּיטאַליסטען, זאָגען די סאָציאַלע רעפאָרמער און מאַנכע סאָציאַליסטען, אַז אפילו דער רעאַלער אַרבייטס־לוין שטייגט. זיי ווילען האָבען, אַז דאָס גאַנצע מיניימום־געזעץ איז ניט ריכטיג, ווייל די לאַגע פון די אַרבייטער ווערט פאַקטיש בעסער.

די רעפאָרמער בעמיהען זיך צו בעווייזען מיט אותות און מופתים, אַז דער תהום צווישען די אַרבייטער און די קאַפּיטאַליס־טען ווערט וואָס ווייטער אַלץ שמאָלער און פלאַכער, אַז די אַר־בייטס־בעדינגונגען ווערען אַלץ בעסער, די שכירות גרעסער און ממילא דערנעהנטערט זיך די צייט, ווען עס וועט הערשען שלום צווישען די צוויי פיינדליכע לאַגערן — די אַרבייטער און אַרבייטס־געבער.

מיר האָבען אין אַן אַנדער אָרט אויספיהרליך זיך אָבגעשטעלט

אויף די אַלע טענות*), און מיר האַלטען ניט פאַר נויטיג אַלעס איבערצוחזר'ן. דאָ ווילען מיר נאָר זעהן, אויף ווי ווייט עס זייַנען גערעכט די יעניגע, וועלכע בעהויפטען, אַז דער אַנטייל פון די ארבייטער אין דעם נאַציאָנאַלען, כלל־פערמעגען ווערט גרעסער אויף דעם חשבון פון די קאַפּיטאַליסטען.

דאָס סטאַטיסטישע ביוראָ אין וואַשינגטאָן האָט אין 1912 פערעפענטליכט אינטערעסאַנטע ציפערן בנוגע דעם צוואוואקס פון דעם רייכטום אין לאַנד און בנוגע דער פערטיילונג פון דעם רייכטום צווישען די ארבייטער און קאַפּיטאַליסטען. דער טיפּישער קלאַס לאַנדאייגענטימער ווי מיר האָבען אין אייראָפּאַ (די לענדלאָרדס אין ענגלאַנד, די יונקערס אין דייטשלאַנד, די פּאָמיעשציקעס אין רוס־לאַנד) איז אין די פעראייניגטע שטאַאַטען ניט אַזוי בולט. די גרוי־סע קאַפּיטאַליסטען, די אינדוסטריעלער, זייַנען אויך פּאַקטיש די אייגענטימער פון דעם לאַנד, וואָס ליגט אונטער'ן אַקער און פון די פערשידענע מיינס. עס איז דאָ דעריבער שווער אָבצוטיילען דעם פּראָפיט פון רענטע. עס ווערען דאָ ביידע זאַרטען הכנסות צוזאַ־מענגעמישט און ווערען בעטראַכט אַלס די איינגאַהמען פון די קאַ־פּיטאַליסטען בכלל — פון די, וועלכע האָבען אין זייער רשות די אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

לויט דעם חשבון פון צענזוס ביוראָ אין וואַשינגטאָן האָט אין יאָהר 1900 דאָס רייכטום פון די פעראייניגטע שטאַאַטען בעטראָ־פען 88,500 מיליאָן און אין יאָהר 1910 האָט עס בעטראָפען 142,000 מיליאָן דאָלאַר. אין די צעהן יאָהר האָט זיך דאָס רייכ־טום פערגרעסערט אויף 60 פּראָצענט.

די דורכשניטליכע שכירות פון יעדען ארבייטער איז אין 1900 געווען 426 דאָלאַר. אין 1910 זייַנען די שכירות געשטיגען ביז 518 דאָלאַר א יאָהר. אין די צעהן יאָהר האָבען די שכירות זיך געהעכערט אויף 22 פּראָצענט.

דאָס רייכטום האָט זיך פערגרעסערט אויף 60 פּראָצענט און די שכירות בלויז אויף 22 פּראָצענט. מען זעהט קלאָר, אַז די לאַגע פון די ארבייטער ווערט לחלוטין ניט בעסער אויף דעם חשבון פון די קאַפּיטאַליסטען. פערקעהרט. דער פּראָפיט ווערט אַלץ גרעסער און ניט קלענער.

*) זעה די קאַפּיטלעך: „צו דער קריטיק פון וויסענשאַפטליכען סאָ־ציאַליזם" אין מיין ווערק: „די לעהרע פון סאָציאַליזם".

מען בעדארף אויך ניט פערגעסען, אז די העכערונג אין די שכירות פאר די יאהרען פון 1900 ביז 1910 איז פארגעקומען נאר בנוגע דעם געלד, די נאמינאלע שכירות. רעכענט מען די שכירות אויסגעדריקט אין דעם סכום לעבענס־מיטלען — די רעאלע שכירות — קומט אויס, אז די ארבייטער האבען אין 1910 בעקו־מען מיט 18 פראצענט וויינינגער, ווי אין 1900. דער פרייז פון די לעבענסמיטלען איז אין די 10 יאהר געשטיגען אויף 40 פרא־צענט. די רעאלע ארבייטס־לוין — ווי מען זעהט — איז פאר די 10 יאהר ניט געשטיגען אויף 22 פראצענט, נאר גאר געזונקען אויף 18 פראצענט.

ריקארדא'ס טעות בעשטעהט אין דעם, וואס ער בעטראכט די אינדוסטרי ניט אין איהר ענטוויקלונג, נאר אין איהר שטעהענ־דיגען צושטאנד. אויב דאס פערמעגען פון כלל וואלט ווירקליך אלע מאל זיין דאס זעלבע, וואלט טאקי דער פראפיט פון די קא־פיטאליסטען ווערען וואס ווייטער קלענער. די אינדוסטרי אבער שטעהט ניט אויף איין ארט, זי בעוועגט זיך, זי ענטוויקעלט זיך און אויב דער ארבייטס־לוין ווערט גרעסער, טא ווערט דער פרא־פיט נאך גרעסער און דער חלק פראפיט אין דעם רייכטום פון דער געזעלשאפט שטייגט.

די צאהל פאבריקען האט זיך פערגרעסערט פון 207,514 אין 1900 ביז אויף 268,491 אין יאהר 1909־1910. דאס פערארבייטע רויהע מאטעריאל און דער סכום פון די אויסגעארבייטע פראדוק־טען איז געשטיגען אין נאך א גרעסערער פראפארציע. דער ווערט פון די פראדוקטען, וואס איז אויסגעארבייט געווארען אין יעדער פאבריק, איז אין 1900 געווען 54,969 און אין 1910 האט עס בעטראפען 76,993 דאלער.

אין 1900 האט בעטראפען דער ווערט, וואס ס'איז צוגעקומען צו דעם רויה מאטעריאל א דאנק דער ארבייטס־קראפט 4,831 מי־ליאן דאלאר. אין 1910 האט דאס רויה מאטעריאל בעטראפען 12,141 מיליאן דאלאר, דער ווערט פון די אויסגעארבייטע פראדוק־טען האט בעטראפען 20,672 מיליאן דאלאר. עס איז צוגעקומען א ווערטה, א דאנק דער פערארבייטונג, פון 8,531 מיליאן דאלאר.

דא ניט לאנג, אין 1917, האט דאס ביורא אין וואשינגטאן פער־עפענטליכט נאך א בעריכט, וועלכער גיט גענויע ידיעות איבער דעם צושטאנד פון דער אמעריקאנישער אינדוסטרי אין 1914, און

איבער דעם פאָרשריט, וואָס עס האָבען געמאַכט די אונטערנעהמער פון איין זייט און די ארבייטער פון דער צווייטער זייט.

די צאָהל פון די אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען אין די פער־איינינגטע שטאאטען איז אין יאָהר 1914 געווען 275,791, בעת אין יאָהר 1909־10 איז בלויז געווען 268,491. די צאָהל פון אר־בייטער אין 1909־10 איז געווען 6,615,046 און אין יאָהר 1914 האָט די צאָהל דערגרייכט ביז אויף 7,036,337. אין 1909 האָט אין יעדער אונטערנעהמונג דורכשניטליך געארבייט 25 ארבייטער, אין 1914 — 25,5. די פאבריקען זיינען בכן גרעסער געוואָרען סיי אין במות, סיי אין איבות.

וועגען די פּראָדוקטען.

אין יאָהר 1909 האָט בעטראָפען דער ווערטה (אין סך הכל) פון די סחורות, וואָס ווערען אויסגעארבייט אין יעדער פאבריק, 76,933 דאָלאר; פינף יאָהר שפּעטער האָט דיזער ווערט שוין בע־טראָפען 87,915 דאָלאר. די צאָהל ארבייטער איז געוואַקסען בלויז אויף צוויי פּראָצענט און דער ווערט פון די אויסגעארבייטע פּראָ־דוקטען איז געשטיגען ביז אויף איבער 14 פּראָצענט. אגב אורחא, נאָך אראיה, אז די עקספּלאָאטאציע פון די ארבייטער דורך די אונטערנעהמער וואַקסט.

די לאַגע פון די ארבייטער ווערט בכלל ניט בעסער, נאָר ער־גער, אויך צוליעב אַן אנדער אורזאַך.

א דאַנק דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי קומט צו אַלץ א גרעסערע מחנה מענשען, וועלכע פּראָדוצירען ניט דירעקט קיין לעבענס־מיטלען און לעבען פון די פּראָ־דוקטען, וואָס די ארבייטער שאַפען. אין 1909—10 זיינען געווען אין די פעראייניגטע שטאאטען אפּיסערס, קלוירקס, סופּער־אינטענדענטס א. אז. וו. 790,267. אין 1914 איז די צאָהל פון אַזוינע אָנגעשטעלטע געוואַקסען ביז אויף 964,217. אין 1909־10 האָבען זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט צעהן און זיבען צעהנטעל פּראָ־צענט פון אַלע ארבייטער. פינף יאָהר שפּעטער זיינען זיי געווען צוועלף און איין צעהנטעל פּראָצענט. פון שטאַנדפּונקט פון פּאָ־ליטישער עקאָנאָמיע זיינען אייגענטליך די קלוירקס, די אָפּיסערס א. אז. וו. פּראָדוקטיווע ארבייטער, ה. ייל, ווי מיר ווייסען, ווערט יעדע געזעלשאַפטליך־נוצליכע ארבייט בעטראַכט פאַר א פּ ר אָ־ד ו ק ט י ו ו ע ארבייט, מאַכט ניט אויס צי ווערען די רעזול־

מאטען פון דער ארבייט פערקערפערט אין ממשות׳דיגע זאכען, אָדער אין געוויסע דינסטען, וואָס פערנעהמען ניט קיין פּלאַץ, אָבער פון שטאנדפונקט פון דעם ארבייטער־קלאַס, אלס שפּייזער פון דער גאַנצער געזעלשאפט, איז א גרויסע נפקא מינה, צי עס זיינען פאראן מעהרער מענשען, וואָס בעגוצען זיך מיט זייגע אויסגעארבייטע פּראָדוקטען אָדער ניט. אויב אין יאָהר 1914 זיינען געווען מעהר אזוינע מענשען ווי אין 1909־10, הייסט דאָס, אז אין 1914 איז די לאַגע פון דעם ארבייטער קלאַס געוואָרען ערגער, ווייל ער טראָגט אויף זיך גרעסערע לאַסטען, ער איז געוואָרען א גרעסערער בעל מטופל, ער דארף אויסהאַלטען מיט זיין ארבייט א גרעסערע צאָהל מענשען.

ווי שטעהט עס מיט די שכירות?

די צאָהל פון די בעשעפטיגטע אינדוסטרי ארבייטער איז אין יאָהר 1909־10 געווען 6,615,046, וועלכע האָבען געקראָגען 3,427,038,000 דאָלאַר א יאָהר שכירות. דאָס האָט געמאַכט אין דורכשניט 518 דאָלאַר א יאָהר פאַר יעדען ארבייטער. א יאָהר האָט 52 וואָכען און אויב דער ארבייטער זאָל דורכשניטליך קריגען 10 דאָלאַר א וואָך שכירות, וואָלט די יעהרליכע שכירות דארפען זיין 520 דאָלאַר. דאָס הייסט, אז אין 1909־10 האָט דער אר־בייטער אין דורכשניט פערדינט נאָך עטוואָס ווייניגער ווי 10 דאָלאַר א וואָך.

אין יאָהר 1914 איז לויט דעם סטאַטיסטישען ביוראָ געווען אינדוסטרי ארבייטער אין די פעראייניגטע שטאַאטען 7,036,37, וועלכע האָבען געקראָגען יעהרליכע שכירות 4,078,332,000. דאָס מאַכט אין דורכשניט 579 דאָלאַר א יאָהר, אָדער 11 דאָלאַר און 14 סענט א וואָך. אין די פינף יאָהר פון 1909 ביז 1914 האָט זיך דער ארבייטס־לוין פון דעם אמעריקאַנישען ארבייטער פער־גרעסערט אומגעפעהר אויף 1.15 די וואָך.

וויפיעל איז צוגעקומען פאַר די פינף יאָהר דער ווערטה, וואָס ווערט אויסגעארבייט אין די פאַבריקען?

אין יאָהר 1909 זיינען צו 268,491 אונטערנעהמונגען צוגע־קומען ווערטען 20,672,052,000. אויף יעדע בעזונדערע אונטער־נעהמונג מאַכט עס דורכשניטליך אוים 76,933 דאָלאַר פאַר׳ן יאָהר.

פינף יאָהר שפּעטער, אין 1914, איז געשטיגען די צאָהל אונ־טערנעהמונגען ביז אויף 275,791 און די ווערטען, וואָס זיינען דאָר־

טען געשאַפען געוואָרען, האָבען בעטראָפען 24,246,435,000. דאָס מאַכט אויס אויפ'ן חלק פון יעדער פאַבריק און דעם אייגענטימער פון פאַבריק ניט ווייניגער, ווי 87,915 דאָלאַר א יאָהר.

אין דער צייט, ווען דער ארבייטס־לוין פון יעדען איינציגען ארבייטער איז פון 1909 ביז 1914 געשטיגען אויף 61 דאָלאַר א יאָהר, איז דער ווערט, וואָס די ארבייטער האָבען צוגעגעבען צו יעדער איינצעלנער אונטערנעהמונג פאַר דיזעלביגע 5 יאָהר, גע־שטיגען אויף 10,982 דאָלאַר.

די ביסעל סטאַטיסטיק, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון רעגירונגס־בעאַמטע אין וואַשינגטאָן, וועלכע זיינען געוויס ניט אויסען געווען געוויסע פניות צו די ארבייטער, ווייזען גאַנץ קלאָהר, אז די פראָצענטען פון די אונטערנעהמערס הכנסה ווערט אלץ גרעסער אין די געשאַפענע רייכטימער פון לאַנד, און, פער־קעהרט, די פראָצענטען פון דעם ארבייטס־לוין אלץ קלענער.

דאָס שטימט ניט מיט ריקאַרדאָ'ס הנחה. דאָס שטימט אויך ניט מיט די חשבונות פון די סאָציאַלע רעפאָרמער, וועלכע ווילען מיט געוויסע פשרות פערשיטען דעם טיפען אָבגרונד, וואָס ליגט צווישען די ארבייטער און די אונטערנעהמער.

די ווירקליכקייט מאַכט דאָ א תל פון די בריקען, וועלכע די סאָציאַלע רעפאָרמער בויען איבער'ן תהום, וואָס ליגט צווישען דיביידע פיינדליכע קלאַסען — צווישען די ארבייטער און די אונ־טערנעהמער.

## צוואנציגסטע לעקציע.

# די בעפעלקערונגס פראגע.

---

**צי דארף מען מורא האבען,** אז ס'וועט קומען א צייט און עס וועלען ניט קלעקען קיין לעבענס־מיטלען? מאלטוס'עס ערקלעהרונג, אז די אורזאכען פון די מענשליכע ליידען קומען פון אן איבערבעפעלקערונג; געאמעט־רישע פראגרעסיע און אריפמעטישע פראגרעסיע; די שולד פון דער ארעמקייט ליגט אין דעם נאטור־געזעץ און ניט אין דער סאציאלער ארד־נונג; מאלטוס'עס עצה פון געבורט קאנטראל; דער סך הכל פון מאל־טוס'עס טעאריע און וואס עס איז דערפון געדרונגען; די סאציאליסטען אלס די שטארקסטע געגנער פון מאלטוס'עס טעאריע; די אונגעוויסענקייט פון איין זייט און די סאציאלע ארדנונג פון דער צווייטער זייט אלס די אורזאכען פון הייגטיגער נויט.

---

מיר האבען אויבען פארבייגעהענדיג דערמאנט די בעפעלקע־רונגס פראגע און מיר וועלען זיך איצט אויספיהרליך אויף איהר אבשטעלען.

די פראגע וועגען דער בעפעלקערונג איז איינע פון די וויכ־טיגסטע פראבלעמען אין דער עקאנאמישער וויסענשאפט. אט ווי זי ווערט אוועקגעשטעלט:

צי דארף מען מורא האבען, אז ס'וועט קומען א צייט, ווען מענשען וועלען זיך אויף אזוי פיעל פערמעהרען, אז די נאהרונגס־מיטלען און די אלע אנדערע הצטרכות צום לעבען וועלען ניט קלע־קען זיי צו שפייזען, אדער ניט? און אויב אזא געפאהר איז יא פאראן, צי האט די געזעלשאפט, אדער די נאטור גופא, מיטלען אין איהר רשות די דאזיגע געפאהר צו בעזייטיגען און צו בעשאפען א גלייכגעוויכט צווישען די צאהל מענשען און דעם סכום לעבענס מיטלען, אדער ניט? און דריטענס, פרעגט זיך, צי איז אפשר די עלענד און נויט, וואס הערשען ביי אונז, א רעזולטאט דערפון, וואס מענשען פערמעהרען זיך, זיינען ניט איינגעהאלטען אין פריה ורביה, קינדלען צו פיעל? אפשר זיינען פאראן צופיעל מענשען, מעהר וויפיעל די נאטור איז בכח צו ערנעהרען און ממילא מוז זיין א שטענ־דיגער כראנישער דעפיציט אין לעבענסמיטעל, אזוי ווי אין א פריו־ואט ווירטשאפט, ווען די הוצאה איז גרעסער פון דער הכנסה?

אט די אלע פראגען קען ניט אוועקמאכען מיט דער האנד א

געלעהרטער, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט פון כלל, מיט דער פאָלקסווירטשאַפט, פונקט אַזוי ווי אַ פּריוואַט געשעפטסמאַן קען ניט איגנאָרירען עהנליכע פראַגען, וועלכע שטעהן איהם פאַר אין זיין פּריוואַט געשעפט. שלעכט וואָלט זיין יענער געשעפטסמאַן אָדער פאַבריקאַנט, וועלכער גיט זיך ניט אָב אַ חשבון איבער דער הוצאה און דער הכנסה פון זיין געשעפט, איבער די מעגליכקייטען פון דעפּיציטען, באַנקראָטען א. א. וו.

צום ערשטען האָט דאָס בעפעלקערונגס־פּראָבלעם אויפגע־שטעלט דער בעוואוסטער ענגלישער עקאָנאָמיסט טהאָמאַס ראָבערט מאַלטוס (1766—1834).

מאַלטוס האָט אַרויסגעגעבען אַ ווערק אַלס אַן ענטפער צו וויליאַם גאָדווין, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אַז די קוואַ־לען פון מענשליכען עלענד ליגען אין דער היינטיגער געזעל־שאַפטליכער אָרדנונג, וואָס איז געגרינדעט אויף פּריוואַט אייגענטום.

מאַלטוס איז אין זיין ווערק אַרויסגעקומען אַלס פערטרעטער און פערטיידיגער פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. ער האָט געזוכט צו בעווייזען, אַז ניט די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז שולדיג אין דער אָרימקייט און נויט, נאָר די מענשען גופא, וועלכע זיינען פיט שפּאָרעוודיג אין זייער קינדלען. אַלע מענשליכע צרות, ווי אָרעמ־קייט, קראַנקהייט, עפּידעמיעס, מלחמות א. א. וו. זיינען — זאָגט מאַלטוס — נ ע ז ע צ ע ן פ ו ן ד ע ר נ א ַ ט ו ר, אום אויס־צוגלייכען דעם דעפּיציט, וואָס הערשט צווישען דער צאָהל מענשען און די לעבענסמיטלען. מענשען ווערען געבוירען און קומען אויף דער וועלט מעהרער, וויפיעל עס זיינען גערופען געוואָרען פון דער נאַטור. עס איז דאָ אַן איבערבעפעלקערונג, גרעסערע אויסגאַבען אין לעבענסמיטלען, ווי איינגאַהמען, און דאָס פיהרט צו אַ באַנקראָט. בכדי עס זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערען אַ גלייכגעוויכט אין די אויסגאַבען און די איינגאַהמען, מוז זי, די נאַטור, פערקלענערען די הוצאה. דאָס טהוט זי דערמיט, וואָס זי פערקלענערט דורך פער־שידענע עפּידעמיעס, מלחמות, עלענד און נויט די צאָהל עסער. פיעל מענשען, וועלכע זיינען געקומען אונגעבעטענערהייד צום מאָהלצייט פון דער נאַטור, שטאַרבען אויס און די הוצאה פון לע־בענסמיטעל ווערט אויסגעגליכען מיט דער הכנסה.

יעדע בעשעפענים — בטעם'ט מאַלטוס זיין טעאָריע — האָט אַן אונגעהייערען חשק זיך צו פערמעהרען אָהן אַ גרענעץ. עס איז נימאָ איין מין בעשעפענים, סיי ביי די חיות, אַזוי אויך ביי פלאַנ־

צען, וועלכער וואלט ניט פול געמאכט די גאנצע וועלט מיט זיך, ווען ער וואלט געהאט די געלעגענהייט פריי, אונגעשטערט זיך צו פרוכ־פערן. ביי די פלאנצען זיינען פאראן פאמיליעס, וועלכע גיבען אין איין יאהר זריעה אויף וויפיעל טויזענד נייע פלאנצען. אויף צווישען די חיות בעגעגענען מיר אפט אזא מין פריה ורביה. די איינציגע הינדערניס, וואס דערלאזט ניט אזא אונבעשרענקטע פערמעהרען זיך, איז דער דוחק אין חיונה, די ניט גענוגענדע נאהרונגס מיטעל. פיעל אינדיווידואומען (יחידים) געהען איינפאך אונטער אין'ם קאמפף פאר די עקזיסטענץ. דאס דאזיגע אונטערגעהן איז גאנץ נאטירליך, ווייל פיעל בעשעפעניסען קומען אויף דער וועלט אלס אונגעבעטענע געסט און האבען דא דעריבער קיין פלאץ ניט.

פון דעם דאזיגען אלגעמיינעם כלל איז אויך ניט אויסגעשלאסען דער מענש. די תאוה צו פריה ורביה איז ביים מענשען אזוי גרויס ווי ביי אלע אנדערע בעשעפענישען. אבער די שפייז אין דער נאטור קלעקט ניט פאר אלעמען וויפיעל עס ווערען געבארען. אמת מאקי, דער סכום פראדוקטען, וואס איז נויטיג פאר'ן מענשענ'ס בע־דארף, וואקסט און פערגרעסערט זיך דורך דעם, וואס די מענשען עקספלאאטירען אלץ מעהר די נאטור, וואס זיי לערנען זיך אויסצור־קריגען אלץ מעהר פראדוקטען, אבער דיזער סכום פערגרעסערט זיך ניט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די מענשען פערמעהרען זיך. די פערגרעסערטע הכנסה דעקט ניט די פערגרעסערטע הוצאה.

די בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך אין געאמעטרישער פראָ־גרעסיע, כפל כפליים. ווען היינט איז דא, א שטייגער, איין פאר מענשען, וועלען אין א דור שפעטער (מאלטוס זאגט אין 25 יאהר שפעטער) זיין צוויי פאאר — פיער מענשען, אין דריטען דור וועט יעדע פאאר האבען קינדער און עס וועלען שוין זיין אכט מענשען. אין ציפער קען מען פארמולירען אזוי: 2, 4, 8, 16, 32 א. א. וו. דער סכום פראדוקטען קען זיך אבער אויף קיין פאל ניט אזוי פיעל פערגרעסערען. ווען מיר זאלען שוין אפילו צוגעבען — זאגט מאל־טוס — אז אין די ערשטע 25 יאהר איז דער סכום פראדוקטען געוואקסען דורך ־ער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אויף נאך אמאל אזוי פיעל, ווען פריהער איז געווען, לאמיר אננעהמען, די צאהל צוויי, איז אין 25 יאהר שפעטער צוויי מיט צוויי — פיער. אין די וויטערדיגע 25 יאהר קען אבער דער סכום פראדוקטען וואקסען העכסטענס נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז גע־וואקסען אין די ערשטע 25 יאהר, ד. ה. אויף די צאהל צוויי. מיר

וועלען בעקומען ניט אכט (פּיער מיט פּיער), נור זעקס (פּיער מיט צוויי). אין די דריטע 25 יאָהר וועט צוקומען נאָך אמאָל צוויי און עס וועט זיין אכט (זעקס מיט צוויי). אין ציפער אויסגעדריקט קומט אוים: 2, 4, 6, 8, 10, 12 א. א. וו. (אזא מין צואוואקס רופט מען „אריפמעטישע פּראָגרעסיע").

אז די פּראָדוקטען קענען זיך ניט אזוי פערמעהרען ווי די בעפעלקערונג זעהט מען קלאָר. דער פּלאַץ אין דער אויסערליכער נאַטור, מיט וועלכען מיר פיהרען א קאמפּף, אום צו ערדייבען לעבענסמיטלען פאַר אונזערע בעדערפניסען, איז דאָך בעגרענעצט. פון איין אקער ערד, א שטייגער, קען מען דאָך ניט מאכען צוויי אקערס, ווי פרוכטבאַר דעם מענעשנ'ס ארבייט זאָל ניט זיין. עס איז קלאָהר, אז ס'מוז ארויסקומען אן איבערבעפעלקערונג, א גרויסער דעפיציט אין לעבענסמיטלען — א באנקראָט. דער פּועל יוצא, די פאָלגען פון אזא נאַטור באַנקראָט זיינען פערברעכענס, קראַנקהייטען, מלחמות, הונגער און נאָך אזוינע אַנשיקענישען. די דאָזיגע מלאכי חבלה זיינען עפּעס אזוי ווי שלוחים פון דער נאַטור אויסצוראַטען די איבעריגע אונגעבעטענע מענשען, קלענער צו מאַכען די בעפעלקערונג, אום אויסצוגלייכען דעם דעפיציט. דאָס איז אונבעדינגט נויטיג צו בעזייטיגען דעם באנקראָט. ניט די געזעלשאפט איז שולדיג אין דיזע מענשליכע אונגליקען, נאָר דאָס נ א ט ו ר־ג ע ז ע ץ פון דער בעפעלקערונג זיך צו פערמעהרען אָהן א שיעור און אן ערך.

„אויב מען וויל אָט די אונגליקען שוואכער מאכען — גיט מאַלטוס אן עצה — אָדער בעזייטיגען, טאָ דארף מען ניט איבעראנדערשען די אָרדנונג פון דער געזעלשאפט, וואָס וועט סיי ווי סיי ניט העלפען, נאָר מען בעדאַרף בעסער זעהן איינצוהאַלטען די נאַטירליכע תאות, ניט אזוי יונג חתונה האָבען, זעהען צו האָבען ווייניגער קינדער (געבורטס קאָנטראָל) א. א. וו. וואָס מעהר בעשרענקט עס וועלען זיין די געבורטען, וואָס ווייניגער קינדער עס וועלען קומען אויף דער וועלט, אלץ שוואכער וועלען זיין די עפּידעמיעס, אלץ זעלטענער וועלען זיין מלחמות — אָט די אַנשיקענישען פון דער נאַטור צו פערטיליגען די איבעריגע, אונגעבעטענע געסט".

דער סך הכל פון מאַלטוס'עס טעאָריע ווערט פאָרמולירט אין וויטערדיגע כללים:

1. די בעפעלקערונג איז אונבעדינגט אָבהענגיג פון די מיט־

לען צום לעבען, וועלכע זיינען פאראן אין דער נאטור. די בעפעלקערונג קען ניט אנוואקסען אהן א שיעור און אהן אן ערך אין דער צייט, ווען פאר דעם סכום לעבענסמיטלען איז יא דא א שיעור.

2. די תאוה פון יעדער בעשעפענים, ניט אויסגעשלאסען דער מענש, פיהרט אבער דערצו, אז יעדער מין פערמעהרט זיך אהן א גרענעץ אין דער צייט, ווען דער סכום לעבענסמיטלען ווערט ניט גרעסער אויף אזוי פיעל. עס ווערט אן איבערשוס, ד. ה. מעהר מענשען, וויפיעל לעבענסמיטלען.

3. דער דאזיגער איבערשוס פון מענשען אין ערך מיט די לעבענסמיטלען קען בעזייטיגט ווערען ענטוועדער דורך'ן איינהאלטען די תאות פ ר י ה ע ר, אדער דורך די פערשיעדענע אנשיקענישען, וועלכע די נאטור שיקט ש פ ע ט ע ר, ווען דער איבערשוס, דער עודף פון מענשען איז שוין פאראן. די אנשיקענישען זיינען: הונגער, קראנקהייטען, רציחות, מלחמות און עהנליכע צו זיי. דורך אזוינע מיטלען ווערט צוריק אויפגעשטעלט די גלייכגעוויכט צווישען נאטור און געזעלשאפט.

דערפון איז געדרונגען:

א) אז אלע מיטלען איבערצואנדערשען די יסודות פון דער געזעלשאפט און איינפיהרען אן אנדער זארט פערנאנדערטיילונג, וואו די ארעמע מאסען זאלען בעקומען מעהר לעבענסמיטלען, וועלען נאך פערגרעסערען דעם דלות און די שטערבליכקייט, ווייל די גלייכגעוויכט צווישען דער נאטור און דער בעפעלקערונג וועט נאך מעהר צושטערט ווערען.

ב) דער בעסטער מיטעל צו בעזייטיגען די עלענד איז, ניט חתונה צו האבען יונג און זעהן צו בעשרענקען די צאהל קינדער.

ג) די געזעצגעבונג און די פערשידענע צדקה חברות אויסצובעסערען די לאגע פון די ארעמע זיינען ניט נאר צו שוואך קעגען נאטירליכען געזעץ צו פערניכטען די איבעריגע מענשען, נאר פערקעהרט, זיי פערגרעסערען נאך די אונגליקען, ווייל ניט האבענדיג קיין דאגות חיונה, וועלען די ארעמע קלאסען אנפאנגען ווייטער זיך שטארק צו פערמעהרען.

קעגען מאלטוס'עס בעפעלקערונגס-לעהרע טרעטען אם שטארקסטען ארויס די סאציאליסטען, וועלכע האלטען צוזאמען מיט גאדווינ'ען, דאס די אורזאכע פון די מענשליכע ליידען איז ניט צו זוכען אין דער איבערבעפעלקערונג, נאר אין דער סאציאלער ארדנונג, אין דער ניט ריכטיגער פעראנדערטיילונג פון די געשא-

פענע פראָדוקטען. אם מייסטען ווערט בעקעמפט מאַלטוס'עס געזעץ, אז די מענשען האָבען א טבע זיך צו פערמעהרען אין א גרעסערער פראָפּאָרציע, ווי די לעבענסמיטעל. ענגעלס רופט אָן דאָס געזעץ „א נידערטרעכטיגע לעהרע", א שמוציגע רכילות קעגען דער נאַטור און מענשהייט.

די פערשידענע ערפינדונגען און ענטדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף פערשיעדענע צווייגען פון דער וויסענשאַפט און טעכניק אין לעצטען יאָהרהונדערט, האָבען קלאָר געוויזען, אז די פּראָדוקטיוויטעט, די פרוכטבארקייט פון דער מענשליכער ארבייט שטייגט אונגעהויער גרויס. שוין ניט גערעדט דערפון, וואָס ס'איז נאָך פאראַן אין דער נאַטור זעהר פיעל פלאַטץ, וואָס קען פערברויכט ווערען אין מענשענ'ס נוצען, וואָס דער קאַמפּף מיט דער נאַטור קען פערגרעסערט ווערען אין כמות, קוואַנטיטאַטיוו, איז נאָך אָבער גאָר ניט משער צו זיין, ווי ווייט דער קאַמף קען ענטוויקעלט ווערען אין איכות, קוואַליטאַטיוו. די נאַטור ווערט פרוכטבארער, וואָס בעסער עס איז די טעכניק, וועלכע ווערט צו איהר פערווענדעט, און די טעכניק ווערט אויסגעבעסערט מיט די פאָרשריטען פון דער וויסענשאַפט. פיעלע געלערנטע האָפען אפילו, אז מיט דער צייט וועט די וויסענשאַפט געפינען א מיטעל, ווי צו בעקומען נאַהרונג פון דער לופט. מיט הונדערט יאָהר צוריק האָט מען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז ס'וועט ענטדעקט ווערען א נייער מיטעל צו מיסטיגען די פעלדער, סעליטרא, וואָס מאַכט דעם באָדען ניט אין'ם ערך פרוכטבארער ווי פריהער. אין די לעצטע פאָר יאָהר איז שוין געפונען געוואָרען א מיטעל ווי צו קריגען דעם שטיקשטאָף, צוליב וואָס סעליטרא איז אזוי וויכטיג פאר לאַנדווירטשאַפט, דירעקט פון דער לופט. ווען דיזער מיטעל וועט טעכניש אויסגעבעסערט ווערען, וועלען אונזערע תבואות וואַקסען א סך מעהר ווי איצט.

---

פון דעם בעריכט פון דעם צענזוס ביוראָ אין וואַשינגטאָן, איבער וועלכען מיר האָבען שוין גערעדט אין פאָריגען קאַפּיטעל, איז צו זעהען, אז אין דער איצטיגער צייט וואַקסען מיטלען אין א סך גרעסערער פראָפּאָרציע, ווי די צאָהל מענשען.

דאָס רייכטום פון די פעראייניגטע שטאַאַטען האָט בעטראָפען אין יאָהר 1900 88,500 מיליאָנען. די בעפעלקערונג איז דעמאָלט געווען רונד 75 מיליאָן. ווען דאָס רייכטום וואָלט דעמאָלט

א שטייגער, פערטיילט געווארען, וואלט אויסגעקומען אויף יעדען קאפ פון דער בעפעלקערונג (מאן, פרוי און קינד) אקימאלן פון עפעס איבער 11.64 דאלער.

אין יאהר 1910 האט זיך פערמעהרט די בעפעלקערונג פון לאנד אויף 92 מיליאן; דאס רייכטום פון לאנד אבער האט זיך פערגרעסערט ביז אויף 142,000 מיליאן דאלאר. אין דער צייט, ווען די צאהל איינוואהנער פון די פעראייניגטע שטאאטען האט זיך פאר די צעהן יאהר פערגרעסערט נאר אויף 21 פראצענט, האט זיך דאס רייכטום פון לאנד אבער פערגרעסערט אויף גאנצע 60 פראצענט.

ווען מען וואלט אין 1910 פערטיילט דאס רייכטום, וואלט יעדער איינציגער געקראגען אויף זיין חלק 15.43 דאל., אנשטאט 11.64 אין 1900.

מען זעהט דא קלאר, אז אין דער איצטיגער צייט איז מאלטוס לחלוטין נים גערעכט, ווען ער זאגט, אז די בעפעלקערונג פערגרע־סערט זיך אין א געאמעטרישער פראגרעסיע און די לעבענסמיטעל אין אן אריפמעטישער פראגרעסיע.

אז די ארעמקייט קומט ניט דערפון, וואס עס זיינען פאראן צופיעל מענשען, פאר וועלכע עס קלעקט ניט קיין לעבענסמיטעל, קען מען אויך זעהען אין דער צייט פון א קריזיס. אין א קריזיס ווערען אלע סאציאלע ליידען זעהר בולט. איז דען דאס אבער דערפאר, ווייל עס זיינען במציאות ניטא קיין לעבענס־פראדוקטען פאר דער בעפעלקערונג? די קריזיסען קומען, ניט ווייל עס איז א דוחק אין לעבענסמיטלען, נאר פארקעהרט, ווייל עס זיינען דא צופיעל לעבענסמיטלען, ווייל עס איז פאראן אן איבערפראדוקציע. דא הונגערט מען און דארטען פוילען פרא־דוקטען אין די סקלאדען און פאבריקען. מיטלען צום לעבען זיינען דא גענוג, זיי זיינען נאר שלעכט פערטיילט, און פערטיילט זיינען זיי שלעכט דעריבער, ווייל די ארדנונג, אין וועלכער מיר לעבען, איז געבוים אויף דאס געזעץ פון פריוואט אייגענטום.

עס זיינען בעוואוסט ניט ווייניג פאקטען, ווען די טראסטען און די סינדיקאטען פערניכטען פשוט, אהן א ברעקעל איינזעהעניש, מאסען לעבענסמיטעל כדי זיי זאלען זיין ווייניגער אויפ'ן מארק, און די נאכפראגע אויף זיי זאל זיין א שטארקע. אזא פאקט איז פארגעקומען מיט א צעהן יאהר צוריק אין דייטשלאנד אין דער טעקסטיל אינדוסטרי. און דא אין אמעריקא קומט דאס נאך

אָפּטער פּאָר. די צייטונגען ווייסען גאַנץ אָפט צו דערצעהלען, ווי אַזוי דער קאַפע טראַסט האָט בכיון געלאָזט אונטערגעהן שיפען געלאָדען מיט קאַפע, וואָס קומען פון בראַזיליען; ווי אַזוי דער מילך טראַסט גיסט אריין וואַגאָנעס מילך אין טייך; ווי אַזוי דער פיש טראַסט לאָזט פער'אויר'ט ווערען מיליאָנען פונט פיש און ווי אַזוי דער פלייש טראַסט לאָזט קאַליע ווערען מיליאָנען פונט פלייש.

אין די אָבגעשטאַנענע לענדער שטאַרבען אויס זעהר פיעל ווילדע שבטים פון הונגער, דחקות און נויט. דאָס איז אָבער ניט דעריבער, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין לעבענסמיטלען. די נאַטור איז דאָרטען דוקא זעהר רייך, דער באָדען איז פרוכטבאַר, פיעל פרוכטבארער ווי אין אייראָפּאָ. דער דלות איז דאָרטען גרויס, ווייל די דאָרטיגע מענשען פערשטעהען ניט ווי זיך צו בענוצען מיט די מתנות פון דער נאַטור.

די אונטערשטע שורה איז, אַז אין היינטיגע צייטען ליידט מען ניט דערפון, וואָס ס'זיינען פאַראַן צו פיעל מענשען. די פער־שידענע מיטלען ווי צו בעשרענקען די געבורטען וועלען דעם דלות ניט פערלייכטערען. יעדער ניי־געבאָרענער מענש פאַרגרעסערט ניט נור די הוצאה פון די נאַהרונגס־מיטלען, נאָר ער פאַרגרעסערט אויך, און נאָך אַ גרעסערער מאָס, די הכנסה. דער היינטיגער עלענד קומט ענטוועדער דערפון, וואָס מענשען פערשטעהען ניט, ווי אויסצונוצען גוט די נאַטור, אָדער דערפון, וואָס דאָס סיסטעם פון דעם סאָציאַלען לעבען פיהרט צו אַ ניט־יושר'דיגער פערטיילונג פון די לעבענסמיטעל.